בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

סעודה שלישית פרשת

## קרח תשב"ז (חלק ב)

שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה לְאוֹר חִצֶּיךָ יְהַלֵּכוּ

• ביאור הגמרא: און שישב באנינות, בֶּן פֶּלֶת שנעשו לו פלאות • החיוב למחות עבור כבוד הקב"ה, אף כשאין בידם לפעול • פרקי דרבי אליעזר: אין לך אדם שלא יעבור עליו מאותה האש • כמה מיני כוחות האש ותולדותיהם • אין הקב"ה רוצה לבטל הטבע, רק עולם כמנהגו נוהג • כשעשה תשובה שלימה צריך להיות בשמחה • כל מחאה עבור כבוד שמים פועל לטובה • תשובה מעולה הוא כשעדיין בידו לחטוא • הרה"ק מרוזשין: לפני ביאת המשיח, יֵרֵד "אֵשׁ" מן השמים לנביאי הבעל • שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ •

**נעתקו בלשון אידיש**

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תש"פ לפ"ק



KolSatmar.com

**לשון קדשו - קונטרס ד חלק ב**

(**31** מינוט מתוך 110) **זייער קלאָר**

★ ★ ★ ★ ★

**יצא לאור ע״י**

**מערכת לשון קדשו**

מאנטריאל קאנאדא - 1-514-585-3040

---

**צענטראלע נומער:**

**929-522-1515**

ארץ ישראל **072-3275205** קאנאדא **438-797-0770** ענגלאנד **0330-350-3110**

**צו הערן די רעקארדינג:** דרוק **#1**, דערנאך קונטרס נומער **907**

איר קענט אויך לאזן הודעות הערות ותיקונים, און מנדב זיין

מען קען אויך הערן די רעקארדינגס:

ניו יארק **718-298-4641** ארץ ישראל **072-3333419** דרוקט נומער **9→6→1**

(קרח תשכ״ז (חלק ב) #→5272→4→16)

# ◆ ברכת מזל טוב ◆

הר״ר **יודא לייב וויינשטאק** הי״ו

מוציא לאור הקונטרסים לשון קדשו

לרגל אירוסי בנו החתן **אליעזר** נ״י - עב״ג בת הרב **יצחק לויפער** שליט״א

כברכת: **העורכים והמפיצים**, העוסקים במלאכת הקודש

הר״ר **יודא הערש אקערמאן** הי״ו

לרגל נישואי נכדו החתן **שמעון** נ״י

בן חתנו הר״ר **יואל ראזענפעלד** נ״י

עב״ג בת הר״ר **משה יצחק גראס** הי״ו

הר״ר **יושע געלבשטיין** הי״ו

לרגל אירוסי בנו החתן **שלמה שבתי** נ״י

עב״ג בת הר״ר **יצחק אייזיק שטערן** הי״ו

**ברכת רבינו יחול על ראשם, וזכות לימוד תורה דרבים וזכות רביה״ק זי״ע יגן עליהם, שהזיווגים יעלו יפה, ויזכו להעמיד דורות ישרים ומבורכים, ע״ד ישראל סבא, לעטרת תפארת אבותם.**

# ◆ וְהֵם יַעֲלוּ לְזִכָּרוֹן ◆

לע״נ הרה״ח ירא ה׳ מרבים, חסיד נאמן מרביה״ק זי״ע

רבי **ישראל זאב** ז״ל **אקערמאן**

ב״ר **אברהם יוסף** ז״ל

נפטר ד׳ תמוז תשס״ג לפ״ק

לע״נ הרה״ח המפואר, היה קשור בלו״נ לרביה״ק זי״ע

רבי **דוד שלמה** ז״ל **ווייזער**

מעיר לאנדאן יצ״ו

ב״ר **גרשון הלוי** ז״ל

נפטר ו׳ תמוז תשס״ו לפ״ק

הרה״ח רחים ומוקיר רבנן, מוכתר במדות טובות ונעימות

רבי **אברהם שמעון** ז״ל **רייך**

ב״ר **חיים שמואל** ז״ל

נפטר ז׳ תמוז תשנ״ו לפ״ק

האשה החשובה והצנועה

מרת **שרה** ע״ה **עקשטיין**

בת הרה״ח ר׳ **יהושע** ז״ל **גפן (וויינשטאק)**

נפטרה ז׳ תמוז תשס״ב לפ״ק

הרה״ח ר׳

**משה מנחם**

ב״ר **יוסף** ז״ל

נפטר ערב פסח תש״פ

הרה״ח ר׳

**מרדכי משה ספרא**

ב״ר **יחזקאל שרגא** ז״ל

נפטר ה׳ ניסן תש״פ

KolSatmar.com

א

**וַיִּקַּח קֹרַח בֶּן יִצְהָר בֶּן קְהָת בֶּן לֵוִי, וְדָתָן וַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב, וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת בְּנֵי רְאוּבֵן.**

ה

# קושיות ודיוקים בפסוק וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת

בגמרא סנהדרין: און, שישב באנינות. בֶּן פֶּלֶת, שנעשו לו פלאות

**וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת בְּנֵי רְאוּבֵן.**

**די גמרא זאָגט אין סנהדרין דף ק״ט[א], וְאוֹן, פאַרוואָס הייסט ער וְאוֹן, שֶׁיָּשַׁב בַּאֲנִינוּת, ער האָט געקלאָגט. בֶּן פֶּלֶת, שנעשו לו פלאים, פלאים איז אים געשען** [מיט דעם] **וואָס ער איז ניצול געוואָרן** [מלהבלע עם עדת קרח].

ו

ומביא בגמרא דאון בן פלת אשתו הצילתו, שהסבירה לו שלא ירויח מלהיות בעדת קרח, ואמר לה הלא נשבעתי להיות עמהם, נתנה עֵצָה שישתה יין וישתכר וישן, והיא ישבה בפתח האהל פרוע ראש, ועי״ז כשבאו לקרותו לילך עמהם לא רצו ליכנס להבית כשראו אשה פרועה ראש

**זאָגט די גמרא** [ווייטער], **און בֶּן פֶּלֶת אשתו הצילתו.**

**זי האָט אים געזאָגט: וואָס איז דיר אַ נפקא מינה** [מי הוא כהן גדול], **איז ״אהרן״ רבה[ב]? ביסט ׳דו׳** [נאָר] **אַ תלמיד, און אַז ״קרח״ וועט זיין, וועסט ׳דו׳ אויך זיין** [נאָר] **אַ תלמיד, וואָס טויג דיר עס?**

**האָט ער געזאָגט: וואָס זאָל איך טון, איך האָב שוין צוגעשוואוירן צו זיי** [להיות בעדתם], **אשתבענא** [בהדייהו].

**האָט זי געזאָגט - זאָגט דאָך די גמרא, - זי האָט אים געגעבן צו טרינקען** [וויין] **און צו שלאָפן,** [און] **זי האָט זיך געזעצט ביי די טיר פָּרוּעַ רֹאשׁ. האָט זי געזאָגט ידענא כִּי** [כָל הָעֵדָה] **כֻּלָּם קְדֹשִׁים,** [און אַז] **זיי וועלן אַהין קומען און זיי וועלן זען אַן אשה** [וואָס] **איז פָּרוּעַ רֹאשׁ, וועלן זיי נישט אַריינקומען אין אַזאַ שטוב.**

**און אויף דעם אַרויף זענען זיי נישט אַריינגעקומען** [לקרוא לאון בן פלת לילך עמהם. און] **בין כך ובין כך איז נבלע געוואָרן קרח, און ׳ער׳ איז ניצול געוואָרן.**

**אַזוי זאָגט די גמרא.**

---

[א] **בגמרא שם** (קט:): **וְאוֹן ,שישב באנינות** [פירש״י: שעשה תשובה על שהיה עמהם תחילה בעצה], **פֶּלֶת, שנעשו לו פלאות** [שניצל מהם], **בֶּן רְאוּבֵן, בן שראה והבין** [שאין מנהגן כשורה, ופירש מהם].

**אמר רב, און בֶּן פֶּלֶת אשתו הצילתו. אמרה ליה, מאי נפקא לך מינה, אי מר רבה אנת תלמידא, ואי מר רבה אנת תלמידא** [אם ינצח משה מכל מקום אתה תלמיד, ואם קרח מנצח אתה תלמיד, מה לך בשררה זו]. **אמר לה, מאי אעביד. הואי בעצה, ואשתבעי לי בהדייהו** [אני הייתי עמהן בעצה, ונשבעתי להם שאם יקראוני אלך עמהם]. **אמרה ליה, ידענא דכולה כנישתא קדישתא נינהו, דכתיב כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים** [כולם צנועים וקדושים, ולא יכנסו אלי אם אני פרועה]. **אמרה ליה, תוב דאנא מצילנא לך. אשקיתיה חמרא וארויתיה, ואגניתיה גואי** [השקתו יין ושכרה אותו, והשכיבה אותו בפנים הבית], **אותבה על בבא, וסתרתה למזיה** [ישבה על פתח הבית וסתרה קליעת שַׂעְרָהּ], **כל דאתא חזיה, הדר** [כל מי שהיה בא לקרוא, רואה ראשה פרוע, וחוזר]. **אדהכי והכי אבלעו להו.**

**איתתיה דקרח אמרה ליה חזי מאי קעביד משה וכו׳. היינו דכתיב** (משלי יד, א) **חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ, זו אשתו של אוֹן בן פלת, וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ, זו אשתו של קרח.**

[ב] כן הוא הלשון בתנחומא דלהלן, אי ״אהרן״ כהנא רבה. (וגם רש״י בגמרא על זה כוונתו, ומה שכתב שאם ינצח ״משה״, היינו שאהרן יהיה הכהן גדול כדברי משה).

KolSatmar.com

## ז
### קושיא ג

ויש להבין למה נרמז ביחד שתי הענינים, אנינות ופלאות, שהם דברים הסותרים זה לזה. והלא הפלאות הם על מה שניצול מליבלע בפי הארץ עמהם, ואם כן לאחר שניצול היה לו להיות בשמחה ולא באנינות

ג) דאָס ענין ברויך מען פאַרשטיין, [פאַרוואָס] ער שטעלט אַראָפּ צוויי זאַכן אין איין פסוק [=בבת אחת, באומרו וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת, שאמר] ער איז געזעסן "באנינות", און ס'איז אים געטון [געוואָרן] "פלאים".

וואָס זענען [דען] די פלאים? [הרי פירש"י, אַז] ער איז 'ניצול' געוואָרן, ניצול געוואָרן מעדת קרח. ער איז ניצול געוואָרן און ער איז נישט [נבלע עמהם], מ'האָט אים נישט איינגעשלינגען. ער איז ניצול געוואָרן פון מיתה, ער איז געבליבן לעבן. [אבל האנינות לכאורה לא היה על הפלאים[ג], כי אדרבה היה לו "לשמוח" על הפלאים שנעשו להצלתו].

[ואם כן צריך ביאור] וואָס כאַפּט ער דאָס צוזאַם - לכאורה - אין איין פסוק, מ'האָט אים געטון "פלאות", און ער איז געזעסן "באנינות".

## ח
### קושיא ד

ובפרט לפי לשון התנחומא שישב "כל ימיו" באנינות, אינו מובן למה היה כל ימיו באנינות על זה. וצ"ב

דער מדרש תנחומא[ד] זאָגט דער זעלבער מאמר [שבגמרא] אַ טראָפּעלע אַנדערשט.

ער זאָגט צי[ה], וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת, שישב "כל ימיו" באנינות. אַזוי זאָגט דער מדרש, ביי דער מעשה מיט [אשתו שהצילתו].

[וצ"ב למה היה "כל ימיו" באנינות].

## ט

[ובאמת יש עוד שינוי בתנחומא, כי] אין מדרש זעט עס אויס[ו], אַז "ער" [און בֶּן פֶּלֶת] האָט איר געגעבן די עֵצָה, אין מדרש תנחומא.

די גמרא זאָגט פאַרקערט, אַז "זי" האָט געגעבן.

נאָר 'דאָס' זאָגן די גמרא און [דער] מדרש, ביידע, [עצם הענין דאון בן פלת אשתו הצילתו, כי התחלת הדבר היתה על ידה שעוררה אותו על זה שלא להתערב במחלוקתם. וסיימו שם שניהם דהיינו דכתיב] חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ. [וכמו כן] די גמרא איז מְשַׁבֵּחַ [בכך את אשתו של און בן פלת, וואָס זי האָט אים מציל געווען.

---

[ג] רק על מה שבתחילה היה עמהם בעצה, וכפירש"י. וכמבואר בדברי רבינו להלן אות י.

[ד] **במדרש תנחומא** (סימן י) **ואון בן פלת**. למה נקרא שמו און, שלן באנינות **כל ימיו**. בן פלת, בן שנעשו לו פלאות. אמר רב און בן פלת אשתו הצילתו, ואמרה ליה מה לך בהדין פלוגתא, אי אהרן כהנא רבא, אנת תלמידא, אי קרח כהנא רבא את תלמידא, **אמר לה** [כן הוא בדפוסים הקודמים, אלא שיש שהגיהו על פי הגמרא להוסיף בינתיים "מה אעביד הואי בעצה ואישתבעית בהדייהו, אמרה ליה"] ידענא דכולה כנישתא קדישא, דכתיב כִּי כָל הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים, מה עבדא אשקיתיה חמרא ארויתיה ואגניתיה בערסיה, והוה יתבא היא אבבא דביתא, וסתריה למזייה, כל מאן דאתי בשביל און בעלה חזיה, והדר, אדהכי והכי נבלעו. היינו דכתיב (משלי יד, א) **חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ**, זו אשתו של און, **וְאִוֶּלֶת בְּיָדֶיהָ תֶהֶרְסֶנּוּ**, זו אשתו של קרח.

[ועיין זה גם **במדרש רבה** (יח, כ), אלא ששם איתא הגירא "אמרה ליה", ולכן מביא רבינו מתנחומא ששם איתא הגירסא "אמר לה"].

[ה] פירוש: שמוסיף על זה.

[ו] דאיתא שם הלשון: "אמר לה" ידענא דכולה כנישתא קדישא (וכדלעיל בהערה ד).

KolSatmar.com

**י**

ורש״י פירש הטעם שישב באנינות, לפי שעשה תשובה על שהיה עמהם בעצה תחילה. אבל קשה
דלאחר שעושין תשובה הלא צריך להיות בשמחה ולא באנינות, ולמה אמרו שהיה ״כל ימיו״ באנינות

ד) [נאָר] וואָס איז דער ענין וואָס איז ער געזעסן באנינות? [שעל זה נקרא] און.

רש״י זאָגט[ז], ער האָט תשובה געטון פאַרוואָס ער איז געוועזן אין עדת קרח. דאָס איז געוועזן דאָס ״אנינות״.

[ועל זה קשה] נו לכאורה [הלא אמרו (ירושלמי פאה א, א)] אֵין לְךָ דבר שעומד בפני התשובה, [וכשעשה תשובה נתכפר לו הכל, ואם כן הרי] ׳נאָך תשובה׳ דאַרף מען דאָך זיין ״בשמחה״, אַז מ׳טוט תשובה שלימה דאַרף מען זיין ״בשמחה״[ח], [ואם כן וואָס] איז ער ״אייביג״ געזעסן בַּאֲנִינוּת? [וכלשון התנחומא ״כל ימיו״].

איבערהויפּט [אז] ער האָט געזען דער אייבירשטער האָט אים געטון אַ נס, [וכמו שדרשו] בֶּן ״פֶּלֶת״, ס׳איז דאָך געוועזן אַ ״פלא״.

על כל פנים האָב איך מיך אַלץ געוואונדערט, וואָס איז ער געזעסן ״בַּאֲנִינוּת״?

(ישוב קושיא ג-ד, באות לא-מ. וע״ע באות מג)

**טז**

## קושיות ודיוקים בפסוק בֹּקֶר וְיֹדַע ה׳

**[וַיְדַבֵּר אֶל קֹרַח וְאֶל כָּל עֲדָתוֹ לֵאמֹר, בֹּקֶר וְיֹדַע ה׳ אֶת אֲשֶׁר לוֹ, וְאֶת הַקָּדוֹשׁ וְהִקְרִיב אֵלָיו, וְאֵת אֲשֶׁר יִבְחַר בּוֹ יַקְרִיב אֵלָיו].**

**קושיא ט**

ברש״י: גבולות חלק הקב״ה בעולמו, וכשם שאין יכולים להפוך בקר לערב,
כן אין יכולים לבטל מה שנבדל אהרן להקדישו. וצ״ב שייכות שני ענינים אלו זה לזה

״בֹּקֶר״ וְיֹדַע ה׳ אֶת אֲשֶׁר לוֹ. זאָגט רש״י[ט], גבולות חלק הקדוש ברוך הוא בעולמו, לְהַבְדִּיל בֵּין הָאוֹר וּבֵין הַחֹשֶׁךְ (בראשית א, יח), כך וַיִּבָּדֵל אַהֲרֹן לְהַקְדִּישׁוֹ (דברי הימים א׳ כג, יג).

ט) איך האָב געשמועסט שוין נעכטן (בסעודת ליל ש״ק) פון דעם, [דלכאורה יש להבין] וואו קומט איינס צו דאָס אַנדערע, [ענין הכהונה לענין בוקר וערב. ולמה הוכיח דבריו דוקא מגבולות בוקר וערב שחלק הקב״ה בעולמו].

(ישוב קושיא ט, באות קצב)

---

[ז] ברש״י על הגמרא שם. וכדהובא לשונו לעיל בריש הערה א.

[ח] וז״ל רבינו בס״ג יתרו תשכ״ב: דוד המלך האָט געזאָגט (תהלים נא, ו) לְךָ לְבַדְּךָ חָטָאתִי, דאָס גאַנצע קאַפּיטל נ״א איז דאָך ווידוי אויף די חטאים, און לאָזט אויס (שם, יד) הָשִׁיבָה לִּי ״שְׂשׂוֹן״ יִשְׁעֶךָ. דער אמת איז טאַקע [דצריך] מ׳זאָל האָבן [לב נשבר], ס׳שטייט דאָך אַזוי, יעדער בעל תשובה ברויך צו זיין דאָס ערשטע גרויס הִתְמַרְמְרוּת, ער זאָל האָבן א צובראָכן האַרץ, ס׳זאָל אים ווי טוהן אויף די עונות, וויאַזוי קען ער זיין בשמחה? [אמנם הלא כתיב] עִבְדוּ אֶת ה׳ בְּשִׂמְחָה (תהלים ק, ב), נאָר וואָס׳זשע דען, דאָס אַליין ווידעראום אז מ׳קוקט זיך אָן מ׳איז אַזוי צובראָכן, דאָס אַליין איז דאָך א סימן אז ס׳איז עפּעס נאָך דאָ א ״ניצוץ הקדוש״, איבערהויפּט מ׳איז זיך מתקבל אויף להלן, פרייט מען זיך מיט דער שמחה פון לעתיד וכו׳:

וע״ע בספר ליקוטי אמרים תניא (פרק כו): השמחה האמיתית בה׳ אלקיו הבאה אחר העצב האמיתי, לעתים מזומנים על עונותיו במר נפשו ולב נשבר, שעל ידי זה נשברה רוח הטומאה וסטרא אחרא ומחיצה של ברזל המפסקת בינו לאביו שבשמים כמו שכתב בזהר על פסוק (תהלים נא, יט) רוּחַ נִשְׁבָּרָה לֵב נִשְׁבָּר וגו׳, ואזי יקוים בו רישיה דקרא תַּשְׁמִיעֵנִי שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה וגו׳ הָשִׁיבָה לִּי שְׂשׂוֹן יִשְׁעֶךָ וְרוּחַ נְדִיבָה וגו׳ (שם, י-יד). - [וע״ע שם בפרק לא].

[ט] ברש״י: ומדרשו, בֹּקֶר, אמר לו משה, גבולות חלק הקב״ה בעולמו, יכולים אתם להפוך בקר לערב, כן תוכלו לבטל את זו, שנאמר (בראשית א, ה) וַיְהִי עֶרֶב וַיְהִי בֹקֶר, וַיַּבְדֵּל (שם, ד), כך וַיִּבָּדֵל אַהֲרֹן לְהַקְדִּישׁוֹ.

יז

קושיא י

בגמרא סנהדרין ונדרים: בזמן מחלוקת קרח, עלו שמש וירח לרקיע הנקרא זבול, ואמרו אם אתה עושה דין לבן עמרם נצא, ואם לאו לא נצא. אמר להן הקב״ה, בכבודי לא מחיתם, בכבוד בשר ודם מחיתם. ומאז ואילך הם אינם יוצאים בכל יום עד שיורים בהם חצים שילכו

**י) די גמרא זאָגט אין סנהדרין דף ק״י** (ע״א) **און** [אין] **נדרים** (דף לט:) **פרק אין בין המודר,** [מאי דכתיב] **שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה** [לְאוֹר חִצֶּיךָ יְהַלֵּכוּ] (חבקוק ג, יא)**,** [שמש וירח בזבול מאי בעיין, והא ברקיע קביעי]**, מלמד שֶׁעָלוּ שמש וירח לזבול, ואמרו** [רבונו של עולם] **אם אתה עושה דין לבן עמרם**[י]**, נצא, ואם לאו לא נצא.** [עד שזרק בהם חצים]**, אמר** [להן] **הקב״ה** [בכל יום ויום משתחוים לכם ואתם מאירים]**, בכבוד בשר ודם מחיתם, בכבודי לא מחיתם.**

**לְאוֹר חִצֶּיךָ יְהַלֵּכוּ, האָט מען זיי** [געהייסן גיין בעל כרחם]**.**

**והאידנא, עד דמחו להו לא יצאו, זיי גייען נישט אַרויס** [בכל יום עד שיורים בהן חיצין וחניתות ומאירים, שנאמר] **לְאוֹר חִצֶּיךָ יְהַלֵּכוּ, ביז מ׳שלאָגט זיי נישט מיט חצים, גייען זיי נישט אַרויס,** [די] **שמש וירח.**

יח

וצ״ב למה דוקא עתה בזמן מחלוקת קרח לא רצו חמה ולבנה לצאת ולהאיר באם אין עושים דין לבן עמרם

**מ׳דאַרף צו פאַרשטיין די גמרא, - איך וועל שוין באַלד** (באות קפה) **שפּעטער שמועסן וואָס רש״י זאָגט**[יא] [דמאחר שראו אז שהקב״ה הקפיד על שלא מיחו לכבודו, הם מוחים מאז ואילך בכל יום. ועכ״פ יש להבין] **- פאַרוואָס האָבן זיי זיך עפּעס אָנגענומען פונקט פאַר בן עמרם. מ׳ברויך פאַרשטיין.**

**איך וועל שפּעטער** (באות קפא) **שוין רעדן** [לבאר הקושיא ביתר ביאור]**.**

(ישוב קושיא י, באות קפב)

ל

## קושיות ודיוקים בפסוק וְאֵשׁ יָצְאָה מֵאֵת ה׳

**קושיא יט**

בפרקי דרבי אליעזר: אין אדם נפטר מן העולם עד שיעבור עליו מאותה האש.

ודברים אלו צריכין ביאור, דלכאורה היכן מצינו ענין של ״אש״ בכל אדם

**אַ מאמר נפלא שטייט אין פרקי דרבי אליעזר פרק נ״ג**[יב]**: אין לך אדם שלא יעבור עליו מאותה האש. יעדער גייט פאַריבער ׳דעס׳ פייער** [שבערה במתאוננים ושאכלה עדת קרח]**.**

---

[י] פירוש לעשות דין נגד קרח ועדתו, עבור כבודו של בן עמרם.

[יא] **ברש״י סנהדרין שם: שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה.** לעיל מיניה כתיב (חבקוק שם, ט) **תְּבַקַּע אָרֶץ,** בשעת בקיעת הארץ שנבלעו [קרח ועדתו] בקרקע, שמש וירח עלו לאותו רקיע ששמו זבול, ואמרו להקב״ה אם אי אתה עושה דין לבן עמרם מקרח ועדתו [נצא. ואם לאו] **לא נצא.** ונאיר לעולם.

**בכבודי לא מחיתם.** שהרי בכל יום, מלכי מזרח ומערב בשעה שמניחין כתריהן בראשם, משתחוים לחמה (כמבואר בברכות דף ז.).

**והאידנא לא נפקי עד דמחו להו.** שכך גזר עליהם המקום, כן שמעתי. **לישנא אחרינא, והאידנא לא נפקי,** מאחר שראו שהקפיד הקב״ה על שלא מיחה לכבודו, **עד דמחו להו לא נפקי,** שחשו לכבוד המקום על בני אדם שמשתחוים לשמש וירח.

[יב] **בפרקי דרבי אליעזר שם:** רבן גמליאל אומר, ישראל הלשינו על הקב״ה ואמרו היש בה׳ כח לזון אותנו במדבר וכו׳, וראה הקב״ה שהלשינו על כבודו, וכבודו הוא אש אוכלה, שלח בהם אש ואכלה אותם סביב,

KolSatmar.com

**יט)** [ולכאורה אינו מובן] **וואָס עפּעס** [מיינט ער מיט דעם]**, וואו פייער, ווער פייער.** [דהיכן מצינו אש כזאת אצל כל אדם].

**וואָס איז דאָ דער פּשַט. אז ׳יעדער׳** [עובר עליו מאותה האש] **?**

**ס׳איז עפּעס אַ פלא.**

**די מפרשים זיי ברענגען עס, אָבער מ׳זאָגט עפּעס נישט קיין פּשַט** [מספיק] **קיינער עפּעס כראוי, וואָס דער פּשַט איז ״שלא יעבור עליו מאותה האש״.**

(ישוב קושיא יט, באות רמב)

## לא

# ישוב הקושיות בפסוק וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת

### ישוב קושיא ד

ברש״י כתב שישב באנינות על מה שהיה תחילה עמהם בעצה. ובש״ך על התורה כתב שהתאונן על מה שניצול רק ע״י אשתו ולא עשה תשובה מעצמו. ובכל אופן קשה דסוף סוף לאחר שעשה תשובה היה לו להיות בשמחה ולא באנינות

**וועל מיר צוריקגיין,** [לבאר] **דעס וואָס די גמרא זאָגט, וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת,** [שישב באנינות. והכוונה] **לכאורה** [ווי] **רש״י זאָגט**[יג]**,** [כי] **ער האָט תשובה געטון** [על שהיה עמהם תחילה בעצה, ועל זה הצטער ׳והתאונן׳].

[אמנם] **דער ש״ך על התורה, ער זאָגט**[יד]**, ער האָט ׳מתאונן׳ געווען ווייל דאָס ווייב האָט אים הערשט געגעבן די עֵצָה,** [והצטער] **פאַרוואָס ער האָט נישט ׳אַליין׳ תשובה געטון.**

[אבל] **לכאורה ׳דאָך׳** [עדיין קשה, דמה בכך שלא היה זה על ידי עצמו, והלא סוף סוף] **ער האָט דאָך תשובה געטון,** [ואם כן היה לו להיות בשמחה].

## לב

אמנם ביאור הענין, דתשובה מעולה הוא רק כשעדיין היה יכול לחטוא באותו חטא, ומחמת יראת ה׳ הוא שב בתשובה והוא נמנע ואינו חוטא. אבל כשאין בידו לחטוא עוד, אף שהתשובה לעולם מתקבלת, אבל אין זה תשובה גמורה ומעולה

**נאָר וואָס׳זשע דען. אַ תשובה מעולה הייסט** [באם עושה תשובה] **ווילאַנג מ׳קען נאָך זינדיגן,** [והוא אינו חוטא עוד]**. אַזוי שטייט דאָך**[טו]**, היכי דמי בעל תשובה, באותו מקום באותו זמן ובאותה אשה.**

---

שנאמר (בהעלותך יא, א) וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים וגו׳ וַתִּבְעַר בָּם אֵשׁ ה׳ ותאכל בקצה המחנה וכו׳. וראה משה בצרתן של ישראל, עמד והתפלל עליהם ונעתר לו, שנאמר (שם, ב) וַיִּתְפַּלֵּל מֹשֶׁה אֶל ה׳ וַתִּשְׁקַע הָאֵשׁ. רבי יהודה אומר, אותה האש שירדה מן השמים, שקעה בארץ, ולא חזרה למקומה לשמים, אלא נכנסה לאהל מועד, וכל הקרבנות שהיו מקריבין ישראל במדבר, אותה אש היתה יוצאת ואוכלת אותן, שנאמר וכו׳. **והיא האש שאכלה לעדת קרח,** שנאמר (קרח טז, לה) וְאֵשׁ יָצְאָה מֵאֵת ה׳ [וַתֹּאכַל אֵת הַחֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם אִישׁ מַקְרִיבֵי הַקְּטֹרֶת]**, ואין אדם נפטר מן העולם עד שיעבור עליו מאותה האש ששקעה בארץ,** שנאמר וַתִּשְׁקַע הָאֵשׁ.

[יג] כדהובא לעיל באות י (ובהערה א).

[יד] **בשפתי כהן על התורה** (טז, לה): וְאֵשׁ יָצְאָה מֵאֵת ה׳ [וַתֹּאכַל אֵת הַחֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם אִישׁ מַקְרִיבֵי הַקְּטֹרֶת] ... ואון בן פלת לא נזכר, ואמרו חז״ל און אשתו הצילתו וישב באנינות כל ימיו, ולמה ישב באנינות, היה לו לשמוח שלא מת, אפשר לומר לפי שהעיז פניו וקם לפני משה. אבל מצאתי **כתוב** שישב באנינות **לפי שבאה לו ההצלה על ידי אשתו ולא באה לו על ידי עצמו שיעשה תשובה. זהו ישב,** שבא לו ישוב וחיים בעולם על ידי אנינות, שהיא האשה שנתקללה בעשר קללות, ומהם האנינות, שמתעטפות כאבל ומגדלות שער כאבל, **כדאיתא בפרקי רבי אליעזר** (פרק יד).

[טו] **בגמרא יומא** (פו:): היכי דמי בעל תשובה, אמר רב יהודה כגון שבאת לידו דבר עבירה [פירש״י: שנכשל בה כבר] פעם ראשונה ושניה, וניצל הימנה. מחוי רב יהודה, באותה אשה באותו פרק באותו מקום [שעבר שם

ווען מ'טויג שוין נישט, ווען ס'איז שוין נישט, ס'איז נישטאָ דאָס "מציאות" [לחטוא עוד. הגם עס] העלפט אויך תשובה וחרטה[טז], אָבער ס'איז נישט 'די' תשובה [די זעלבע ווי] וואָס מ'טוט [כשעדיין בכחו לחטוא עוד][יז].

**לג**

מתחילה כשנתעורר ע"י אשתו להבדל מעדת קרח, עדיין השיב "והלא נשבעתי להיות עמהם". ואם היה שב בכל לבו, אז לא היה בזה שום טענה, דמכיון שקרח היה חולק על תורת משה הוי כנשבע לבטל את המצוה שאין שבועתו שבועה. אלא מאי מוכח מזה, שעדיין היה ספק בלבו שמא הדין עם קרח, ולכן חשש על השבועה שנשבע לו, ונמצא שאז עדיין לא עשה תשובה בכל לבו

[והנה און בן פלת] ווען 'ער' איז הערשט געקומען צו התבוננות [תחלה ע"י דברי אשתו, עדיין לא החליט כן בכל לבו לשוב, שהרי] ער האָט געזאָגט "איך האָב געשוואוירן".

[ואם היה מודה בהחלט לדבריה שדברי קרח הם נגד התורה, אז לא היה כלום בטענה זו שכבר נשבע, שהרי] ס'איז אַ נִשְׁבַּע לְבַטֵּל אֶת הַמִּצְוָה[יח] [שאינו חלה השבועה. ואם כן] וואָס [איז געווען זיין טענה דאישתבע בהדייהו], לכאורה איז דאָך אַ פלא די גאַנצע זאַך [למה חשש על השבועה], וויאַזוי ער האָט דאָך נאָך 'אַריינגעקלערט' דערינען, ער האָט 'מורא געהאַט' פאַר אַ שבועה? [והלא] דער קרח איז דאָך דעמאָלטס, ער איז געקומען [און] ער האָט געקריגט אויף די "תורה הקדושה", געקריגט אויף משה רבינו'ן, "תורת משה", דאָס איז דאָך "אַלעס" ליגט דאָך אין דעם, [און] אַז מ'גייט קריגן אויף די תורה הקדושה נוצט [דען] אַ שבועה?

[אלא מאי שבאותו זמן] איז ער דאָך נאָך "מסופק" געווען [אולי יש ממש בדברי קרח], אַז ער האָט נאָר גע'טַעֲנֶה'ט "ער האָט צוגעשוואוירן". [ונמצא שבאותה שעה כשעדיין היה קרח קיים והיה בכחו לחטוא עוד, עדיין לא היתה תשובתו שלימה].

**לד**

ולאחר מכן כששב בכל לבו, כבר היה לאחר שנבלע קרח וכל עדתו ונתגלה טעותם לעין כל ולא היה עוד מקום לטעות אחריהם, ואם כן לא היה בידו לחטוא עוד בחטא זה

[און] דערנאָכדעם ווען ס'איז נבלע געוואָרן קרח [וכל עדתו], האָט דאָך שוין "יעדערער" געזען [שהאמת הוא ברור כדברי משה רבינו], מ'האָט שוין נישט געקענט האָבן דעם טעות [לסבור כדברי קרח]. קומט דאָך אויס [אז] מ'האָט שוין נישט געקאָנט טון דעם חטא, ווייל מ'האָט שוין נישט געקענט [האָבן מקום לטעות. ונמצא כי] מ'האָט שוין

---

העבירה, ואותו פרק, מתוך שדומה מכל וכל לזמן שנכשל בו כבר, יצרו מתגבר עליו ואומר לו ראה פלונית ואותו מקום ואותו פרק הוא, קום עשה מה שעשית כבר].

[טז] וכמו שדרשו (רות רבה ו, ד. קהלת רבה ז, טו) על פסוק **תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד "דַּכָּא"** (תהלים צ, ג), **עד דכדוכה של נפש.**

**וברמב"ם** (תשובה ב, א): **איזו היא תשובה גמורה, זה שבא לידו דבר שעבר בו ואפשר בידו לעשותו, ופירש ולא עשה מפני התשובה, לא מיראה ולא מכשלון כח וכו', זהו בעל תשובה גמורה. הוא שלמה אמר** (קהלת יב, א) **וּזְכֹר אֶת בּוֹרְאֶיךָ בִּימֵי בְּחוּרֹתֶיךָ** [עַד אֲשֶׁר לֹא יָבֹאוּ יְמֵי הָרָעָה וְהִגִּיעוּ שָׁנִים אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵין לִי בָהֶם חֵפֶץ]. **ואם לא שב אלא בימי זקנותו ובעת שאי אפשר לו לעשות מה שהיה עושה, אף על פי שאינה תשובה מעולה, מועלת היא לו ובעל תשובה הוא. אפילו עבר כל ימיו, ועשה תשובה ביום מיתתו ומת בתשובתו, כל עונותיו נמחלין שנאמר** (שם, ב) **עַד אֲשֶׁר לֹא תֶחְשַׁךְ הַשֶּׁמֶשׁ וְהָאוֹר וְהַיָּרֵחַ וְהַכּוֹכָבִים וְשָׁבוּ הֶעָבִים אַחַר הַגָּשֶׁם, שהוא יום המיתה. מכלל שאם זכר בוראו ושב קודם שימות, נסלח לו.** - [ומקור דבריו הוא בגמרא שבת (קנא: וחלק מזה בקידושין מ:), ועיי"ש באורך בביאור הפסוקים שבקהלת].

[יז] ועיין בענין זה בדברי רבינו בס"ג **משפטים שקלים תשי"ג** (לשו"ק אות יח-כג).

[יח] כמבואר **בגמרא שבועות** (כז.): תנו רבנן יכול נשבע לבטל את המצוה ולא ביטל יהא חייב, תלמוד לומר להרע או להיטיב (ויקרא ה, ד), מה הטבה רשות אף הרעה רשות.

KolSatmar.com

**נישט געקענט תשובה טון** [תשובה המעולה, שהרי] **ס'איז נישטאָ אויף וואָס תשובה צו טון,** [ווייל] **ס'איז נישט מעגליך** [לחטוא עוד בחטא זה].

### לה

יש דיעות דלאחר גמר הגאולה, שוב לא יקבלו עוד בעלי תשובה. והטעם כאמור, כיון שלא יהיה עוד מקום לחטוא

**ס'איז דאָ דיעות**[יט] **אַז לעתיד נאָך ביאת המשיח, ווען ס'וועט זיין אַלעס** [מָלְאָה הָאָרֶץ דֵּעָה אֶת ה' (ישעי' יא, ט)], **וועט מען שוין נישט מקבל זיין קיין בעלי תשובה.**

[והטעם בזה, ווייל] **ס'איז שוין נישט דאָס "פלאַץ" דערפון** [=באותו 'מקום'], **דאָס פלאַץ פונעם זינדיגן.**

[ואפילו למאן דאמר שגם לעתיד יועיל תשובה, אָבער] **על כל פנים** [איז עס] **נישט קיין תשובה "מעולה".**

### לו

ועל זה היה מתאונן און בן פלת "כל ימיו", על שנמנע ממנו לעשות
תשובה המעולה, לשוב בעוד מועד כשהיה יכול עוד לחטוא

**איבערדעם איז ער געזעסן בַּאֲנִינוּת,** [על שלא עלתה בידו לעשות תשובה המעולה בעוד מועד, בשעה שעדיין היה לו הברירה לחטוא]. (ועיין ענין זה בעל הגאולה ועה"ת סימן מג)

### לז
### ישוב קושיא ג

[ובזה מיושב גם כן למה נקט הכתוב בבת אחת, ענין האנינות עם ענין הפלאים, כי מן אותה שעה שנעשו לו הפלאים במה שנבלעו קרח ועדתו והוא ניצול מהם, אז הוא שאבד את היכולת לחטוא עוד בזה, ונמנע ממנו לעשות תשובה המעולה, ועל זה הוא שישב כל ימיו באנינות].

---

[יט] **עיין בגמרא שבת** (קנא:): תניא רבי שמעון בן אלעזר אומר, עֲשֵׂה עד שאתה מוצא ומצוי לך ועודך בידך [פירש"י: עד שאתה מוצא. למי לעשות: ומצוי לך. ממון: ועודך בידך. עודך ברשותך, קודם שתמות]. **ואף שלמה אמר בחכמתו** (קהלת יב, א) וּזְכֹר אֶת בּוֹרְאֶיךָ בִּימֵי בְּחוּרֹתֶיךָ עַד אֲשֶׁר לֹא יָבֹאוּ יְמֵי הָרָעָה, **אלו ימי הזקנה,** וְהִגִּיעוּ שָׁנִים אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵין לִי בָהֶם חֵפֶץ, **אלו ימי המשיח, שאין בהם לא זכות ולא חובה** [לא זכות. לא דבר לזכות בו, שכולם עשירים: ולא חובה. לאמץ לב ולקפוץ יד]. **ופליגא דשמואל, דאמר שמואל אין בין העולם הזה לימות המשיח אלא שיעבוד מלכיות בלבד.**

**וע"ע במדרש רבה** (רות ג, ג): **אמר** (קהלת א, טו) מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן וְחֶסְרוֹן לֹא יוּכַל לְהִמָּנוֹת, **בעולם הזה מי שהוא מעוות יכול לתקון ומי שהוא מתוקן יכול לעוות, אבל לעתיד לבא מי שהוא מעוות אין יכול לתקן ומי שהוא מתוקן אין יכול לעוות. וחסרון לא יוכל להמנות, יש מהרשעים שמזדווגין זה עם זה בעולם, אחד מהן עשה תשובה לפני מותו ואחד לא עשה תשובה, נמצא זה עומד בחבורת הצדיקים וזה עומד בחבורת הרשעים, והוא רואה אותו ואומר אוי לי שמא משוא פנים יש בדבר, אני וזה גנבנו, אני וזה הרגנו כאחת, זה עומד בחבורת צדיקים ואני בחבורת רשעים, והן משיבין ואומרין לו שוטה שבעולם, מנוול היית ומושלך לאחר מיתתך שלשת ימים, ולא בחבלים גררוך לקבר, תחתיך יוצע רמה ומכסך תולעה, כשהבין זה חבירך שב מאותו הדרך, ואתה היית בידך ספיקה** [=סיפוק] **לעשות תשובה ולא עשית, אמר להם הניחוני שאלך לעשות תשובה, והן משיבין לו ואומרין שוטה שבעולם אין אתה יודע שעולם זה דומה לשבת ועולם שבאת ממנו דומה לערב שבת, אם אין אדם מתקן בערב שבת מה יאכל בשבת וכו'. מהו עושה, חובק את ידיו ואוכל את בשרו, שנאמר** (קהלת ד, ה) הַכְּסִיל חֹבֵק אֶת יָדָיו וְאֹכֵל אֶת בְּשָׂרוֹ וכו'.

**וע"ע בגמרא עבודה זרה** (ג.) **דלעתיד יאמרו האומות לפניו, רבונו של עולם תנה לנו מראש ונעשנה, ויאמר להן הקב"ה, שוטים שבעולם, מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת, מי שלא טרח בערב שבת מהיכן יאכל בשבת.**

**וע"ע בגמרא יבמות** (כד:) **דאין מקבלים 'גרים' לימות המשיח.**

[והכוונה בכל זה נראה, ע"פ דברי רבינו במקומות אחרים, דבאמת עיקר מדריגת התשובה בבחינה עליונה של תשובה עילאה, זה יהיה רק לעתיד לאחר ביאת המשיח, אלא שהתחלת התשובה במדריגה קטנה, זה צריכין להתחיל מקודם. ומי שיעשה תשובה כפי ערכו בזמן הגלות, יזכה לעתיד לתשובה שלימה וגמורה (עי' בס"ג תרומה תשי"ז, ועוד בכ"מ). גם נראה דהכוונה בכל זה אינו תיכף לאחר ביאת המשיח, אלא לאחר זמן (או באלף השביעי) לאחר שכבר ישובו כל ישראל בתשובה שלימה ועילאה. ועכ"פ זה ודאי דעיקר חשיבות התשובה הוא מה ששבים בזמן הגלות כשעדיין יכולין לחטוא ח"ו, והנסיונות עדיין גדולים וקשים. והדברים ארוכים ואכמ"ל].

KolSatmar.com

### לח

### לימוד היוצא מזה:

אף שסוף סוף היה יכול לשמוח עם עצם "ההצלה" שניצול ממות לחיים, מ"מ כיון שעי"ז נמנע ממנו לשוב בתשובה מעולה על מה שהיה לו ספק באמונת תורת משה, לא היה ניחא ליה כל ההצלה, רק ישב באנינות כל ימיו על חטאו זה

[והנה יש להתבונן בזה, כי] **לכאורה, ס'איז אים געטון** [געוואָרן] **אַזאַ נס, ער איז ניצול געוואָרן,** [און] **ער האָט זיך גאָרנישט געפרייט. ער איז ניצול געוואָרן מִמָּוֶת לְחַיִּים,** [ועם כל זה] **כָּל זֶה אֵינוֹ שֹׁוֶה לוֹ**[כ].

[והטעם בזה, ווייל] **ער האָט געזען אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ ספק** [בלבו, על אמיתות תורת משה, ועדיין טען] **אז ער האָט 'צוגעשוואוירן'** [להחולקים על משה, ונמצא כי עדיין היה לו] **אַ ספק,** [ונטל חלק] **צווישן די וואָס האָבן געקריגט אויף די תורה הקדושה, אויף משה רבינו'ן.**

[לכן] **איז אים נישט נִיחָא געווען** [אף שניצול ממות לחיים, וישב באנינות ולא בשמחה], **איבערדעם רופט אים אָן דער פסוק** ["און", על שם וואָס] **ער איז "כל ימיו" געזעסן בַּאֲנִינוּת.**

**ער האָט** [לכאורה] **געדאַרפט מאַכן אַ "סעודת הודאה"** [אז] **ער איז ניצול געוואָרן מִמָּוֶת לְחַיִּים, ניצול געוואָרן פון עדת קרח, ער איז "ניצול" געוואָרן.** [אָבער] **ניין! זאָגט די גמרא** [שישב באנינות], **ס'איז גאָרנישט געווען קיין "שמחה".**

### לט

### היוצא מזה לענין הנסיונות שעל הפרק:

אף שהיה מקום לשמוח עם אותן שניצולו ממות לחיים במלחמה זו, מ"מ כיון שעי"ז נפלו הרבה מישראל במחשבות ודיבורים שהם נגד האמונה, אין לנו לשמוח אלא להצטער ולהתאונן על זה, והוא בבחינת "און בֶּן פֶּלֶת", שיש לישב "באנינות" על "הפלאים"

**בעונותינו הרבים, מ'העט זיך געדאַרפט צו פרייען, דאָך. דער בורא כל עולמים האָט דאָך געטון רחמים וחסדים, קודם דערוויל, - ווייסט השי"ת** [מה שיהיה בעתיד], **מ'דאַרף מיר נאָך גרויס רחמי שמים,** [אָבער] **- קודם דערוויל, אידן זענען ניצול געוואָרן אויפ'ן פלאַץ.**

[הגם] **בעוונותינו הרבים האָט עס געקאָסט נְפָשׁוֹת, ס'האָט דאָך נישט קיין שיעור און קיין ערך. אָבער** [אויף] **דעס ביסל, די שארית הפליטה** [שניצולו מהריגה], **דאַרף מען מְשַׁבֵּחַ זיין השי"ת.**

### מ

**אָבער אָך און וויי, אַז מ'איז אַריינגעפאַלן** [במחשבות ודיבורים שהם נגד התורה והאמונה].

**ס'איז** [בבחינת] **"און" בֶּן "פֶּלֶת"! מ'דאַרף "מִתְאוֹנֵן" זיין אויף די "פלאים"! אַזוי ווי די גמרא זאָגט**[כא].

(ראה עוד להלן אות קמג)

---

[כ] מלשון הפסוק (אסתר ה, יג) וְכָל זֶה אֵינֶנּוּ שֹׁוֶה לִי. (ותיבת שֹׁוֶה הוא מלשון שוויות וערך).

[כא] כי און מלשון אֲנִינוּת, ופֶלֶת מלשון פְּלָאוֹת. והיוצא מזה כי לפעמים יש שצריכים להתאונן על שנעשו פלאים, ואין לשמוח בהם. ולקמן (אות עח ועוד) מבאר רבינו שכאן לא נעשו פלאים כלל.

מא

[כי בעוה"ר] **מ'איז אַריינגעפאַלן דורך דעם** [הצלחת הרשעים] **אָן אַ שיעור אידן, פון די "ניצולים" טאַקע וואָס זיי העטן געדאַרפט געבן שבח פאַר השם יתברך,** [מיט דעם וואָס זיי זאָלן] **אַנטלויפן פון מינות פון אפיקורסות**[כב]**, מ'זאָל נישט זיין מְאַשֵׁר זֵדִים**[כג]**,** [וואָס] **דאָס איז דער מקור פון אַלע צָרות.**

**איז מען אַריינגעפאַלן, מ'איז נוטה צו מינות, מ'איז אַריינגעפאַלן צווישן די "חולקים"** [על תורת משה, כעין עדת קרח].

מב

ואון בן פלת עכ"פ עשה תשובה בכל לבו, רק שישב באנינות על מה שלא זכה לשוב בתשובה המעולה. וכ"ש עתה שבעוה"ר לא עשו תשובה כלל על זה, בודאי יש להצטער ולהתאונן על מצב הדור בעוה"ר שנפלו הרבה מישראל בהרהורי מינות רח"ל, אשר אין לך 'צרה גדולה' יותר מזו

[ובעוה"ר לא עשו תשובה על זה כלל], **נישט נאָר** [אז] **מ'האָט נישט געטון קיין "תשובה מעולה", אַזוי ווי און בֶּן פֶּלֶת.**

[וואָס] **ער האָט געקלאָגט, ווען ער איז שוין נישט געווען** [בדיעה עם קרח ועדתו וכבר שב בתשובה]**, און מ'האָט דאָך שוין נישט געקענט זיין ביי דער מיינונג** [לאחר שכבר נבלעו קרח ועדתו]**, נאָר אָבער ער קלאָגט פאַרוואָס ער האָט נישט געטון תשובה נאָך ווילאַנג ס'איז נאָך געווען צייט, ווילאַנג ס'איז נאָך געווען דער חשש** [ספק והיכולת לחטוא, פאַרוואָס] **ער האָט זיך נישט באַרעכנט דעמאָלט, איז ער געזעסן כל ימיו באנינות. ער האָט גאָרנישט** [זיך געפרייעט].

**'נאָך' דער "פלא", איז ער געזעסן "כל ימיו באנינות".**

מג

**על אחת כמה וכמה, אַז מ'איז נאָך אַלץ, מ'איז 'נאָך' אין דעם ספק,** [אם כן בודאי צריכין להתאונן ולהצטער על זה].

**השם ישמרינו !**

**אַז מ'האָט נאָר אַ "ספק כל דהו" חלילה אויף "מינות" חס ושלום !** [איז דאָך] **אֵין לך צרה גדולה יותר מזו !** [ואם כן לשמחה מה זו עושה].

קנח

## ישוב הקושיות בפסוק בֹּקֶר וְיֹדַע ה'

### הקדמה לישוב קושיא י

[ונבא לבאר מאמר הגמרא בפסוק] **שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה,** [שעלו לזבול ואמרו] **אם אתה עושה דין לבן עמרם וועל מיר אונז גיין** [להאיר]**, אַז נישט וועל מיר נישט גיין.**

**לכאורה ברויך מען פאַרשטיין** [למה דוקא בשעת מחלוקתו של קרח מחו השמש וירח ולא רצו עוד לילך ולהאיר (כדלעיל בקושיא י)].

---

[כב] עיין בס"ג **שלח** (לשו"ק אות קכד, קלג).

[כג] כמו שביאר רבינו בס"ג נשא ובס"ג בהעלותך בלשון הפסוק (מלאכי ג, טו) וְעַתָּה אֲנַחְנוּ מְאַשְּׁרִים זֵדִים.

KolSatmar.com

**קנט**

**בגמרא דעבודה זרה: שאלו את הזקנים ברומי, אם אין רצונו בעבודה זרה למה אינו מבטלה. אמרו להן, אילו היו עובדין לדבר שאין צורך לעולם בו, היה מבטלו, אבל הרי הן עובדין לחמה וללבנה ולכוכבים ומזלות, וכי יְאַבֵּד עולמו מפני השוטים. אמרו להן, אם כן יְאַבֵּד דבר שאין צורך לעולם בו ויניח דבר שצורך העולם בו. אמרו להן אף אנו מחזיקין ידי עובדיהן של אלו, שאומרים תדעו שהן אלוהות שהרי הן לא בטלו**

[ויש לומר בהקדם וואָס] **די גמרא זאָגט אין עבודה זרה דף נ"ד**[כד]**, ער האָט געפרעגט, אַ מין האָט געפרעגט, אם אין הקב"ה חפץ בעבודה זרה, למה אינו מבטלה. זאָל ער זיי מבטל זיין.**

**האָט ער געענטפערט, ווען זיי וואָלטן געדינט אַ זאַך וואָס איז נישט** [אַ] **"צורך בעולם", וואָלט הקב"ה עס מבטל געווען. זיי דינען דאָך אָבער לחמה ולבנה,** [וואָס] **ס'איז אַ צורך בעולם,** [והם חלק] **פון בריאת העולם אויף די וועלט, ס'מוז דאָך זיין אויף דער וועלט** [השמש וירח]**, אַז נישט איז דאָך 'אויס'** [וועלט]**, נישטאָ קיין טאָג נישטאָ קיין נאַכט.**

**האָט ער ווייטער געפרעגט, זאָל ער זיי מבטל זיין די אַנדערע עבודה זרה'ס, און דעס זאָל בלייבן.**

**האָט ער געענטפערט, אם כן גיט מען זיי דאָך חיזוק** [לעובדים לחמה ולבנה]**, אַז אַלעס ווערט בטל און 'דעס' בלייבט, וועט מען זאָגן** [לטעות כאילו] **דאָס איז אַ שטאַרקע עבודה זרה,** [וכאילו, צו] **'די' קאָן מען נישט צוטרעטן.** [ולכן] **קען מען גאָרנישט** [לבטל]**, קען מען נישט צורירן צו דעם,** [כדי שלא יבוטל המשכת העולם כמנהגו, ולא יתחזקו ידי עובדי חמה ולבנה יותר משאר עובד ע"ז]**.**

**קס**

**והקשה במהרש"א: למה יהיו מחזיקין ידי עובדי חמה ולבנה משום דלא מבטלן, והלא כבר אמרו הטעם בזה, דכיון שיש בהם צורך לעולם, אינו מאבד עולמו מפני השוטים**

**ער דער מהרש"א**[כה] **זאָגט,** [והלא] **מ'וועט דאָך וויסן דעם טעם** [שאין הקב"ה מאבד אותה, מפני שיש בהם צורך לעולם. ואם כן שוב יוקשה יְאַבֵּד שאר העבודה זרות חוץ מחמה ולבנה, ואם יוקשו למה נשארו אלו, יאמרו להם האמת דזהו משום שיש בהם צורך לעולם]**?**

**קסא**

**ומתרץ מהרש"א: שהם לא יודו לטעם האמיתי, דאינו מבטלן מפני שיש צורך לעולם בחמה ולבנה, אלא יאמרו טעם שקר להביא ראיה לסילופם, דאדרבה מכיון שיש בהן צורך ולא בטלן, ראוי לעובדן**

**זאָגט דער מהרש"א,** [דהעובדים לשמש וירח] **'זיי' וועלן נישט זאָגן דעם טעם, זיי קוקען** [לומר טעם אחר, להביא ראיה כאילו ח"ו יש ביראתם ממש]**.**

[כי] **מ'מעג זאָגן הונדערט** [טעמים]**, מ'מעג זאָגן טעמים עַד אֵין חֵקֶר,** [אָבער] **פאַר**

---

[כד] כך הוא **במשנה** שם ע"ב. וכעין זה הביא הגמרא שם מהברייתא, עם הוספות, והובא להלן בהערה כט.

[כה] **במהרש"א** (עבודה זרה נד:): במשנה אמרו להן אם כן יאבד דבר שאין צורך לעולם בו וכו', אמרו להן אף אנו מחזיקין ידי עובדיהן וכו' שהרי אלו לא בטלו. **יש לדקדק** למה יהיו מחזיקין ידי עובדי חמה ולבנה משום דלא מבטלן, הרי כבר אמרו בזה יאבד עולמו מפני השוטים. **ונראה לומר** דרצה לומר אף אנו מחזיקין ידי עובדיהן כו', שאם כן **לא היה בידינו להכחיש** אותם שעובדים לחמה וללבנה כו' **שהם לא יודו בדבר** דאינו מבטלן מפני שיש צורך לעולם בחמה ולבנה וכו', **דאדרבה יאמרו** כיון שיש בהן צורך ולא בטלן ראוי לעובדן. אבל השתא דאינו מבטל אף דבר שאין צורך לעולם בו ויש שעובדים אותן, הרי אף לאותן העובדים לחמה וכו' מפני שיש בהן צורך ולא בטלן, אין להם ראיה שהן אלהות, שהרי אותן שאין בהן צורך גם כן לא בטלן, וק"ל.

KolSatmar.com

**די מינים ואפיקורסים, די וואָס זענען 'פאַרגלייבט'** [בדיעה כוזבת], **די וואָס זיי 'ווילן' רחמנא ליצלן מינות, נוצט נישט קיין טעמים.**

**קסב**

וכעין זה מבואר בדברי רש"י במגילה, דהתפקרות המינים הוא במה שמעיזים פניהם שיוכלו לומר לאחרים כאילו יש במינות ממש. אבל הם עצמם כבר היו מינים גם קודם לזה

**איך האָב דאָס געזאָגט טאַקע יענע וואָך**[כו]**, ס'שטייט וַיֵּצֵא הָעֵגֶל הַזֶּה, זאָגט די גמרא**[כז] **מכאן פקרו המינים, זאָגט רש"י "העיזו פניהם" זיי זאָלן זאָגן שיש במינות ממש.**

**ער זאָגט נישט אַז זיי ווערן דערדורך מינים,** [כי הם היו אפיקורסים גם מקודם לזה], **נאָר** [ער זאָגט אז] **זיי באַקומען "עזות".** [כי מתחילה] **זיי טרויען זיך נישט צו זאָגן** [כל כך, נאָר] **ס'איז ווייל מ'האָט עפּעס געטון** [דבר שיוכלו לתלות עצמם בזה, אז הם מעיזים פניהם לומר יותר ממה שהעיזו תחילה].

**קסג**

**היוצא מזה לענין הנסיונות שעל הפרק:**

אותם המציאים דיבה שיש לשמוח בהצלחת אלו הרשעים, וכאילו שנעשו להם נסים, הם כבר היו נתפסים לציונות גם מקודם. אלא שעתה "העיזו פניהם" יותר. אבל הצרה הוא שגם אחרים מהמון עם שהיו כשרים מקודם, הם נמשכים אחריהם לאפיקורסות רח"ל

**דאָס איז אויך, די זעלבע איז היצטערט** [במצב הדור שאירע עתה].

**לעולם, רובא דרובא פון די וואָס זיי טאַנצן אַזוי מיט דעם עֵגֶל** [הציונות], **מיט דער שמחה** [של הצלחת הרשעים], **מיט דער 'תשובה'** [שאומרים שנתרבו בעלי תשובה ומניחי תפילין] (כדלעיל אות סה-עג), **'די' זענען געווען פריער אויכעט** [נתפס לציונות].

**דאָס איז דער אמת, זיי זענען געווען פריער אויכעט. נאָר זיי האָבן נישט געהאַט אַזאַ "הֶעָזָה"** [לגלות מחשבתם בגלוי].

[אָבער] **אַז זיי האָבן, אַז ס'איז דאָ עפּעס ווערטער צו זאָגן, אַז מ'קאָן שוין דערציילן** [כאילו] **זיי האָבן געמאַכט "הצלה" און זיי מאַכן "תשובה", איז "הֵעִיזוּ פְּנֵיהֶם", האָט מען עַזות צו זאָגן** [דברי כפירה שלהם. אבל באמת אותם המוציאם דיבורים אלה, כבר נתפסו למינות גם מקודם].

**נאָר ס'איז אָבער דאָ אַזעלכע קְצֵירֵי הַשֵּׂכֶל וואָס מען 'שלעפּט מיט',** [אַזעלכע] **וואָס זענען 'נישט' געווען פריער** [נתפס לכפירת הציונות, רק עתה ע"י בלבול המוחות נתפסו בעוה"ר].

**אָבער דער 'עיקר' איז, דער 'יסוד' איז** [=אותם המבדים ומוציאים דיבות אלו], **'די' זענען געווען "ציונים" פריער אויך,** [און] **'די' מאַכן, דעם "טומעל" מאַכן 'די'.**

**די "פּראָפּאַגאַנדע" גייט, פון די וואָס זענען 'געווען'** [אויך פון פריער נתפס]**. נאָר** [דָא עָקָא כי] **ס'ווערט מיטגעשלעפּט נעבעך** [גם מהכשרים שבדור] **די קְצֵירֵי הַשֵּׂכֶל.**

**בעוונינו הרבים אַזוי ווייט גייט דער קַטְנוּת הַשֵּׂכֶל, אַז מ'קען אַזוי ווייט אַריינכאַפּן נעבעך בעוונינו הרבים די וועלט.**

---

[כו] בס"ג שלח תשכ"ז (לשו"ק אות נז).

[כז] בגמרא מגילה (כה:): תניא רבי שמעון בן אלעזר אומר, לעולם יהא אדם זהיר בתשובותיו, שמתוך תשובה שהשיבו אהרן למשה, פקרו המינין, שנאמר (כי תשא לב, כד) וָאַשְׁלִכֵהוּ בָאֵשׁ וַיֵּצֵא הָעֵגֶל הַזֶּה. ופירש"י: פקרו המינין. העיזו פניהם לומר יש ממש בעבודה זרה.

KolSatmar.com

### קסד

**וואָס קאָן מען טאָן? אֵין מִי יִגְדֹּר גֶּדֶר וּמִי יַעֲמוֹד בַּפֶּרֶץ!**

מ׳הערט כסדר [ווי] מ׳פירט אַזוי, און מ׳זאָגט אַזוי, [כדי להטעות את העם, אותם המוציאים הדבה. אָבער] מ׳זאָל וויסן, נעבעך דער ׳הָמוֹן׳ [עַם] פאַלט אַריין נעבעך [באין מבין], כַּצֹּאן לַטֶּבַח יוּבָל[כח]. (המשך ענין הדרוש בהקדמה לישוב קושיא י, באות קעח)

### קעח

## המשך ישוב הקושיות בפסוק בֹּקֶר וְיֹדַע ה׳

### המשך ההקדמה לישוב קושיא י

עכ״פ מבואר מדברי הגמרא עבודה זרה: דאין הקב״ה רוצה לבטל הטבע, ועולם כמנהגו נוהג ולכן אף שעובדים לחמה ולבנה אין הקב״ה מבטלם

וועל מיר צוקומען צוריק [לביאור ענין הגמרא (דסנהדרין ונדרים) בפסוק שמש וירח עמד זבולה, על פי הקדמת הגמרא דע״ז דף נ״ד] (שהתחלנו בו באות קנח-קס).

שטייט אין די **גמרא** (דעבודה זרה) אַזוי.

כללו של דבר, זאָגט די גמרא, [אַז] פאַרדעם איז מען נישט מבטל חמה ולבנה [אף שעובדים ומשתחוים להם], ווייל דער בורא כל עולמים וויל נישט מבטל זיין דעם ׳סדר העולם׳, ווייל אַזוי פירט זיך די וועלט [שחמה ולבנה מאירים בה ויש בזה צורך לעולם].

### קעט

וכן אמרו שם לענין לידת ממזר, דאף שהיה ראוי שלא יוולד, מ״מ אין הקב״ה מבטל זה, מטעם דעולם כמנהגו נוהג. והשוטים שקלקלו עתידין ליתן הדין על זה

דערנאָך ברענגט צי די **גמרא** צו דעם נאָך אַ מימרא[כט].

וכן - לא עלינו - ביי אַן אשת איש [שזינתה, אז] ס׳ווערט געבוירן אַ ממזר, [איז] די ׳שורת הדין׳ העט געוועון אַז ס׳זאָל נישט קאָנען ווערן קיין לידה, השי״ת איז בכח [למנוע זה, ווייל] וואָס ברויך מען ס׳זאָל קאָנען געבוירן ווערן אַ ממזר.

נאָר - זאָגט דאָרט די גמרא - **עולם כמנהגו נוהג**, די וועלט מוז זיך פירן, די טבע איז אַזוי, די טבע איז ווען ס׳כאַפּט אַן עיבור ווערט עס געבוירן, דער בורא כל עולמים לאָזט דאָך [צו, שיהא העולם נוהג כמנהגו], **ושוטים שקלקלו עתידים ליתן את הדין**. (דברי רבינו באות זה הוא הקדמה לענין דלהלן באות קצג-רב)

### קפ

די זעלבע ווי ביי די עבודה זרה, דער בורא עולם וויל נישט מְשַׁנֶּה זיין דעם סדר העולם, ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין. לאָז זיך פירן די וועלט [כמנהגו], מ׳לאָזט אויף די מקרים [שבטבע העולם].

---

[כח] מלשון התפילה ליום ב׳ וה׳ (ד״ה הבט משמים וראה), ומקורו מהפסוק בישעי׳ (נג, ז).

[כט] **בגמרא עבודה זרה** (נד:): תנו רבנן, שאלו **פלוסופין** [פירש״י: חכמי האומות] את הזקנים ברומי, אם אלקיכם אין רצונו בעבודת כוכבים מפני מה אינו מבטלה, אמרו להם אילו לדבר שאין העולם צורך לו היו עובדין, הרי הוא מבטלה, הרי הן עובדין לחמה וללבנה ולכוכבים ולמזלות, יְאַבֵּד עולם מפני השוטים? **אלא עולם כמנהגו נוהג ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין**.

דבר אחר, הרי שגזל סאה של חטים [והלך] וזרעה בקרקע, דין הוא שלא תצמח, אלא עולם כמנהגו נוהג והולך, ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין.

דבר אחר, הרי שבא על אשת חבירו, דין הוא שלא תתעבר, אלא עולם כמנהגו נוהג והולך ושוטים שקלקלו עתידין ליתן את הדין.

KolSatmar.com

– אַזוי ווי כ'האָב פריער געזאָגט (באות מו-מט) פונעם **רמב"ן**, ביי די מלחמות [שהיו אצל פלגש בגבעה], מ'לאָזט עס. די זעלבע [בחינה] שטייט דאָרט אויך [בדברי הגמרא]. – אַזוי שטייט אין די גמרא אין **עבודה זרה**.

### קפא
### קושיא י ביתר ביאור
### על פי הקדמה הנזכרת מגמרא דעבודה זרה

לפי האמור יקשה ביותר, האיך אמרו הַשֶּׁמֶשׁ וְיָרֵחַ אם אין עושין דין לבן עמרם לא נצא, והלא בעל כרחך עולם כמנהגו נוהג, וכשם שאין הקב"ה מבטל אותם על שהעוע"ז עובדין ומשתחוין להן

יהיה איך שיהיה, שטייט דאָך אַז דער בורא כל עולמים וויל נישט [משנה זיין סדר וטבע העולם], מ'גייט, מ'מוז 'גיין' [החמה ולבנה להאיר בעולם].

נו [אם כן] וואָס האָבן זיי [שֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ] עפּעס געוואָלט מְשַׁנֶּה זיין סדר העולם, [ואמרו] לא נצא, זיי האָבן זיך 'געשפּאַרט' [=התעקשו וטענו] מיט'ן בורא כל עולמים, אַז זיי ווילן נישט גיין [אַז] מ'וועט נישט טון קיין דין לבן עמרם. וואָס הייסט עפּעס, [והלא] זיי גייען אַרויס [בכל יום ויום] און מ'דינט דאָך צו זיי אויכעט, מ'מאַכט 'זיי' פאַר עבודה זרה'ס, [ועם כל זה הם יוצאים מטעם כי יש בהם צורך לעולם, ורצון הבורא הוא שיהא עולם כמנהגו נוהג, ואם כן מה נשתנה עתה] פאַרוואָס האָבן זיי נישט געוואָלט גיין [במחלוקתו של קרח ?

### קפב
### ישוב קושיא י

[נאָר] דאָס ענין דאָ ברענגט ער[ל] אַז דער **כפתור ופרח** זאָגט עפּעס [בביאור הענין], ס'שטאַמט נאָך פונעם **רשב"א**[לא].

---

[ל] **בענף יוסף** (על העין יעקב) במסכת סנהדרין (קי. ד"ה מלמד שעלו). שהביא שם כעין דברי הרשב"א דלהלן, ומציין בסופו דהוא מספר כפתור ופרח בשם הרשב"א.

[לא] **דברי הרשב"א** נדפסו **בעין יעקב** במסכת נדרים (לט:) (מכת"י של חידושי הרשב"א על אגדות הש"ס, הנדפס אח"כ לראשונה בשנת תשכ"ו). וז"ל שם: דבר מפורסם שהנכבד בבעלי חיים השפלים [הוא] המין האנושי, מפני שהוא בעל שכל וכו' להבדיל בין האמת והשקר ולהכיר בוראו יתברך לעבוד לפניו, ולא תתכן העבודה הנבחרה בלתי אם ינבא אחד מבני אדם יצוה על ידו מה שרצהו ומה שלא רצהו, ולולי זה לא נברא העולם השפל, כאשר גלו לנו חז"ל תמיד, כמאמרם (שבת פח.) תנאי עשה הקב"ה עם מעשה בראשית אם ישראל מקבלים את התורה מוטב ואם לאו אני אהפוך אתכם לתוהו ובוהו. ואמר (פסחים נד.) שהתורה נבראת קודם שנברא העולם, בכוונה זו, כמו שפירשתי במאמר שלמעלה. ולזה אמר (בראשית רבה א, ד) שמחשבתן של ישראל קדמה לכל.

וכבר ברור בתחלת התורה שהמאורות ברקיע לקיום השפלים להאיר על הארץ, כמאמרו (בראשית א, יז-יח) ויתן אותם אלקים ברקיע השמים להאיר על הארץ ולמשול ביום ובלילה. נמצא שתכלית כוונת העולם השפל [הוא] בתורה, וקיום העולם [הוא] במאורות, ברצון בוראם יתברך. וכל מי שגורם סבת סתירת התורה, כמסבב סתירת העולם בכללו. ואם כן כל מי שמטיל שיבוש בדברי הנביא המשתלח בדברי התורה, סותר את התורה, ואם אין תורה אי אפשר לקיום העולם, ועם זה תסתלק כוונת המאורות, וכאילו אינם צריכים להיותם ברקיע להאיר על הארץ, רק ראוים להסתלק ולעלות משם, כדי שלא תגיע מעלתם לעולם השפל כלל.

וזהו כוונת המאמר, שאמר שעלו השמש והירח לזבול עד שינתן הדין למשה השליח הנאמן בכל בית השי"ת, שהיה קרח מטיל שיבוש בשליחותו וכו'. ועל הכוונה הזו בעצמה אמר כאן שעלו לזבול קדשו, ואמרו אם אתה עושה דין מוטב, כי יש תורה ויש עולם, ואם לאו אין תורה ואין עולם.

ואמר להם הקב"ה, מפני שוטים אלו שקלקלו אי אפשר לבטל העולם, שגם לשמש ולירח עובדים ואין העולם מתבטל אלא עולם כמנהגו נוהג, כי כן יסד המלך יתברך, ואלו הם חצים וחניתות שזורקים בהם בכל יום [פירוש כי "הדיבורים" אלו שאמר להם הם כמו חצים, (ועיין להלן אות קצ, ובהערה לז)], ושוטים שקלקלו עתידין ליתן הדין, וכענין שאמרו בפרק רבי ישמעאל (עבודה זרה נד:) וכו' א"כ יאבד עולמו מפני השוטים אלא עולם כמנהגו נוהג ושוטים שקלקלו עתידים ליתן את הדין, עכ"ל.

**עפעס אַזוי** [נראה לבאר גם לדרכינו], - **ער זאָגט עס אין אַן אַנדער לשון, איך וויל נישט אַזויפיל .. - קאָן זיין אַזוי.**

**לעולם, זעט מיר עפּעס אויס אַזוי ׳כעין זה׳. על כל פנים** [נבאר לדרכינו] **וואָס פאַר אַ פְּשַט אין דעם קען מען זאָגן,** [און] **ס׳איז קרוב הדבר** [לדברי הרשב״א המובא בכפתור ופרח][לב].

**קפג**

טענת השֶׁמֶשׁ וְיָרֵחַ: אם יבטלו ח״ו תורת משה ע״י מחלוקתו של קרח, שוב אין עוד קיום לעולם, ואם כן שוב אינם רוצים לצאת עבור זה עצמו מה שיש עוע״ז שמשתחווים להם. דהא כל הטעם שצריכין לצאת אף שעובדין להם, הוא רק משום קיום העולם, ואם אין תורת משה ואין קיום לעולם למה להם לצאת עוד, ולמה אין הקב״ה מבטלן

[דהנה לעולם] **פאַרוואָס מוזן זיי גיין** [השמש וירח, אף שמשתחוין להם ועושים אותם לע״ז. התירוץ הוא כדיי] **מ׳זאָל נישט מְשַׁנֶּה זיין** [מנהג העולם, ונמצא דהליכתם הוא רק] **וועגן קִיוּם הָעוֹלָם.**

**האָבן זיי גע׳טַעֲנֶה׳ט** [בעת מחלוקתו של קרח]**: חלילה אַז מ׳קריגט אויף ״תּוֹרַת מֹשֶׁה״, איז נישטאָ קיין ״קִיּוּם הָעוֹלָם״.**

[וכדכתיב] **בְּרֵאשִׁית בָּרָא,** [ופירשו חכז״ל] (בראשית רבה א, א) **בשביל ״התורה״ ובשביל ״ישראל״.** [און] **ס׳איז** [דאָ] **אַ מדרש** (שם, ד)**, בְּרֵאשִׁית, בשביל ״משה״ שנקרא רֵאשִׁית,** [שנאמר] (ברכה לג, כא) **וַיַּרְא רֵאשִׁית לוֹ.**

**האָבן זיי גע׳טַעֲנֶה׳ט, ממה נפשך. פאַרוואָס גיי מיר? וועגן ״קִיּוּם הָעוֹלָם״.** [נו] **אַז מ׳טוט נישט קיין דין ״לבן עמרם״,** [להעמיד ״תּוֹרַת מֹשֶׁה״]**, איז נישטאָ קיין ״וועלט״.**

[אלא מאי] **איז מען דאָך נישט חושש אויפן ״קִיּוּם הָעוֹלָם״,** [ואם כן] **נאָך וואָס זאָל מיר גיין** [עבור קיום העולם, בשעה שחוטאים על ידינו בעון ע״ז]**, אַז מ׳זאָל צו זיי דינען** [העובדי ע״ז].

**דאָס איז געווען זייער טענה.**

**קפד**

תשובת הקב״ה אליהם: על כבודי לא מחיתם, ועל כבוד בשר ודם מחיתם. והיינו שאם בידכם למחות, למה לא יצאתם למחות גם עד עתה עבור כבודי לבד, בלא צירוף כבוד משה רבינו

[און] **דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט** [אויף דעם, לשמש וירח].

**נו ממה נפשך, אַז ס׳איז אַזוי** [שאתם יכולים למחות שלא לרצות לצאת ולהאיר בעולם, אם

---

[לב] הכוונה כאן נראה, כי תמצית דברי הרשב״א הוא שהשמש וירח לא רצו לצאת, עבור כי תכלית כוונת קיום העולם הוא בשביל התורה, וא״כ אם מטילין שיבוש בדברי הנביא משה רבינו שליחו הנאמן של השי״ת, סותר את התורה, ואם אין תורה אי אפשר לקיום העולם, ועם זה תסתלק כוונת המאורות. והשיב להם הקב״ה כי הם צריכים לצאת ואי אפשר לבטל העולם בשביל עדת קרח, וכמו שיש הרבה עובדים לשמש וירח ואין העולם מתבטל בשבילם אלא כמנהגו נוהג, ושוטים שקלקלו עתידין ליתן הדין.

**ורבינו מוסיף** על זה לבאר קצת באופן אחר מה נשתנה עתה דייקא שיצאו במחאה, כי מכיון שכל הטעם שהם יוצאים תמיד הוא רק משום דעולם כמנהגו נוהג ויש בזה צורך לעולם, א״כ עתה אם יבטלו דברי משה אין עוד קיום לעולם, ואם כן למה להם להמשיך לצאת, בשעה שעובדי ע״ז הם עובדים לשמש וירח. [ונמצא דסוף סוף היתה מחאתם גם אז, נגד העובדי ע״ז, ולא נגד עדת קרח דייקא, אלא שאז מצאו שעת הכושר ותירוץ שלא לצאת עבור מה שעובדים להם].

גם מוסיף רבינו (על פי פירש״י) בתשובת הקב״ה אליהם, דבאומרו ״על כבודי לא מחיתם״ תבע מהם למה לא מחו גם עד עתה מפני שעובדים להם, דאף שאמת הדבר שהם צריכין לצאת בכל אופן משום דעולם כמנהגו נוהג, אבל עכ״פ צריכין למחות בעובדיהם, מפני כבוד המקום. ומזה למדו השמש וירח לעשות כן בכל יום, שאין יוצאין בלא מחאה נגד עובדיהם. ומזה מסיק רבינו מה שנוגע לענינו בענינים העומדים על הפרק.

KolSatmar.com

כן] **פאַרוואָס האָט עטס נישט מוחה געווען** [עד עתה] **טאַקע אויף 'דעם אַליין', אויף "עבודה זרה".** [בלא צירוף הסיבה של ביטול העולם ע"י שיטת קרח].

**וואָס דאַרפט עטס גיין אַזוי ווייט** [למחות על עשיית דין לבן עמרם].

**קפה**

ומזה למדו שמש וירח שיש חיוב מחאה למחות עבור כבוד המקום, אף כשאין בידם לפעול מאומה. ולכן אף שבעל כרחם צריכים הם לצאת משום צורך קיום העולם, הם עושים על כל פנים מחאה בכל יום על מה שבני אדם עובדים ומשתחווים להם. וכמו שפירש"י דלכן לא נפקי האידנא עד דמחו להו, מאחר שראו שהקפיד הקב"ה על שלא מיחו לכבודו

[ועל כן מאז והלאה] **איז לְאוֹר חִצֶּיךָ** [יְהַלֵּכוּ].

[ווי] **רש"י זאָגט פְּשַׁט, אַ פלא. רש"י זאָגט**[לג] [על דברי הגמרא סנהדרין] **והאידנא עד דמחו להו לא נפקו,** [דלכאורה] **וואָס איז דער פְּשַׁט** [שהם מוחים ומוכים מאז ועד עתה בכל יום].

**זאָגט רש"י, אין דאָס 'אַנדערע' לשון** [=בלישנא אחרינא]. **ווען זיי האָבן 'דערהערט' אַז דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט "בכבודי לא מחיתם", האָבן זיי פאַרשטאַנען אַז כאָטשיג מ'דינט די עבודה זרה און זיי ברויכן** ['דאָך'] **צו גיין,** [אף על פי כן] **זיי ברויכן 'פּרובירן'** [צו] **"מוֹחֶה" זיין** [מפני כבוד המקום, נגד מה שעובדים להם].

**איבערדעם פון דעמאָלט אָן** [מימי מחלוקת קרח ואילך], **פון דעמאָלטס אָן גייען זיי נישט אַרויס ביז מ'שלאָגט זיי נישט, לְאוֹר חִצֶּיךָ יְהַלֵּכוּ.** [ווייל] **זיי האָבן אינאַכט געוואונען אַז 'דאָס' איז דער רצון הבורא, מ'זאָל מוֹחֶה זיין.**

**כאָטשיג מ'ווייסט דאָך** [מ'וועט נישט אויפטון דערמיט, ווייל] **מ'מוז 'גיין', מ'קאָן זיך נישט העלפן,** [כי] **עולם כמנהגו נוהג,** [מ'ווייסט] **מ'וועט דינען די עבודה זרה און** [דאָך] **מ'מוז גיין,** [אָבער] **מ'מוז מוֹחֶה זיין!**

**אַזוי זאָגט רש"י, אַ פלא.**

**והאידנא זיי גייען נישט עד דמחו להו,** [ווייל] **זיי האָבן** [אַזוי] **פאַרשטאַנען פון די תשובה וואָס דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט** [אליהם, בעת שטענו נגד מחלוקת קרח].

**אַזוי זאָגט דאָרט רש"י.**

**קפו**

היוצא מזה לענינינו: בדבר הנוגע להאמונה וכבוד שמים, צריכים למחות עבור זה, אף שאין רואין אם פועלין בזה מאומה. ובפרט כי האמת הוא דלעולם פועלין בדבר, עכ"פ במקצת. וכן רואין כאן, שיש למחות עבור כבוד שמים אף כשמקבלים חצים ובליסטראות בכל יום, דהוא משל על חִצֵּי לשון הרע

**פון דעם זעט מען:**

**אַ זאַך וואָס ס'רירט אָן אין דער "אמונה",** [אָדער] **אין** [ען] **עבודה זרה, מוז מען 'זאָגן'** [דברי מחאה נגד זה, מפני כבודו של הקב"ה], **אפילו חלילה מ'קאָן נישט 'אויפטון'!**

**קפז**

**איבערהויפּט** [אז] **דער אמת איז אַז מ'טוט יאָ אויף!**

**ס'איז נישט פאַרהאַנדן** [ס'זאָל נישט אויפטון] **! 'עפּעס' נוצט עס!**

[אפילו נאָר] **ביי "יחידים שביחידים" אַז ס'נוצט, האָט מען אויך אויפגעטון!**

---

[לג] מובא לעיל בהערה יא (ד"ה והאידנא).

KolSatmar.com

**קפח**

[ועל כן גם בנסיונות הזמן שלפנינו]:

**מ׳מוז מוֹחֶה זיין!**

**אפילו דאָס ׳פאַרכאַפּעניש׳ און דאָס ׳ביטערניש׳ איז** [אַזוי גרויס] **אויף דער וועלט. בעוונינו הרבים** [הִכּוּ בַּסַּנְוֵרִים] **מִקָּטֹן וְעַד גָּדוֹל**[לד]**, מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב מֵימֶיךָ**[לה]**, איך וויל נישט ווייטער רעכענען**[לו]**.**

**אף על פי כן** [צריכין למחות נגד זה, ולפרסם דיבורי אמת ואמונה].

**קפט**

[וכמו שרואין אצל] **חמה ולבנה** [כאָטש] **זיי ווייסן אַז מ׳מוז גיין, די וועלט איז וועלט, עולם כמנהגו נוהג, און מ׳דינט די עבודה זרה,** [ביז] **ווילאַנג דער בורא כל עולמים וועט העלפן** [לעתיד לבא] **ס׳וועט זיין וְהָאֱלִילִים כָּרוֹת יִכָּרֵתוּן. און ס׳איז פאַרפאַלן, ס׳מוז זיין.**

[עם כל זה הם מוחים תמיד בכל יום מחדש נגד זה, אף שלכאורה אין פועלים בזה מאומה].

[דלכאורה] **זיי** [חמה ולבנה] **האָבן דאָך שוין געזען ׳נעכטן׳** [ווי] **מ׳האָט זיי געשלאָגן און זיי האָבן** [ווייטער] **געמוזט גיין, וואָס דאַרפן זיי ׳נאָכאַמאָל׳ "מוחה" זיין. והאידנא זיי גייען גאָרנישט אַרויס - זאָגט רש"י און די גמרא אַזוי - עד דמחו להו. זיי האָבן דאָך שוין געזען נעכטן אַז ס׳נוצט נישט קיין ׳שלעק׳, דו מוזט גיין!**

[אלא מאי] **זעט אויס: מ׳מוז טאַקע גיין** [=אָנגיין ווייטער], **און מ׳מוז מוֹחֶה זיין!**

**מ׳מוז ׳ליידן׳** [חצים ובליסטראות] **!**

[אָבער] **מ׳טאָר נישט קוקן אויף דעם!**

**קצ**

[ואף שיורו עלין] **"חיצים" ובליסטראות, זאָל מען זאָגן און זאָל מען רעדן** [נגדי, על מה שאני מפרסם דברי אמת ומחאה. זאָל מען] **וואַרפן חיצים** [בלשונם, על דרך הכתוב] **חֵץ שָׁחוּט לְשׁוֹנָם** (ירמי׳ ט, ז).

- [ווי] **איין פְּשַׁט איז טאַקע**[לז] [אַז] **די חיצים** [שיורים בחמה ולבנה] **זענען די ׳שאַרפע ווערטער׳ וואָס מ׳זאָגט זיי.** [דזהו] **וואָס ס׳שטייט חִצֶּיךָ, לְאוֹר ׳חִצֶּיךָ׳ יְהַלֵּכוּ.** -

[אָבער] **מ׳טאָר נישט קוקן** [אויף דעם] **!**

**נאָר מ׳מוז זאָגן!** [דיבורי אמת ואמונה, ודברי מחאה נגד המפתים אחרי האפיקורסים][לח].

---

[לד] מלשון הפסוק בפרשת וירא (יט, יא).

[לה] מלשון הפסוק בפרשת נצבים (כט, י).

[לו] מה שהפסוק חושב עוד (שם, ט), רָאשֵׁיכֶם שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם וגו׳.

[לז] **בענף יוסף** בסנהדרין שם, בסוף דברי הכפתור ופרח. שכתב וז"ל: וזה שאמר הגמרא שזרק הקב"ה "חיצים", שדברים אלו שאמר להם הם כדמיון חצים. (והוא מלשון הרשב"א שכתב "ואלו הם" חצים וחניתות שזורקים בהם בכל יום וכו׳, וכדלעיל בהערה לא).

[לח] וז"ל רבינו בסוף הקדמת על הגאולה ועה"ת: **ויודע אני שיורו המורים חצים ובליסטראות נגד כל הדברים אשר כתבתי, עד אין שיעור וערך, ואין קץ לדברי רוח. והשטן מוסר נפשו עבור עבודה זרה הציונית, יותר ממה שמסר נפשו באיוב כאשר זכרתי למעלה, וְדֵין גְּרָמָא שבא הסתה זו במסירת נפש ממש מסוף העולם ועד סופו, לעמוד על כל מי שאינו מודה בעבודה זרה הציונית ברוב בוז וקלון עד אין לשער, וממש רוצים לְבָלְעָם חיים, ועל ידי הטלת אימה הנוראה הזו נתפסו כמעט כל העולם, ושולט בעוונינו הרבים שגעון ובלבול המוחות באופן נורא, ולזה מצאתי את עצמי ׳מחויב׳ לכתוב קצת ביאור על קוֹשְׁטְ דִּבְרֵי אֱמֶת, ואם יועיל למקצת אנשים מבקשי האמת, הכל כדאי.**

**קצא**

[אַזוי] **זעט מען אין די גמרא ביי ״חמה ולבנה״.** [שאף שמקבלים חצים בכל יום, עכ״ז הם מוחים מחדש בכל יום].

[און] **חמה ולבנה זענען דאָס געוואָר געוואָרן פונעם ״בורא כל עולמים״,** [ששאל מהם] **פאַרוואָס לא מחיתם** [על כבודי], **אַ קשיא.**

**זעט מען דאָך** [ענין הנזכר].

**קצב**

**ישוב קושיא ט**

מחמה ולבנה רואים שאי אפשר בשום אופן לבטל מה שהוא רצון השי״ת בהחלט, דהיינו קיום העולם.
ומזה יש ללמוד שכמו כן אי אפשר לבטל מה שנבדל אהרן להקדישו, כי גם זה הוא רצון השי״ת בהחלט

**דאָס קאָן זיין,** [בביאור וואָס] **משה רבינו האָט געזאָגט, בֹּקֶר וְיֹדַע** [ה׳]. **זאָגט דאָך רש״י, גבולות** [חֲלָק הקב״ה בעולמו], **עטס קאָנטס נישט מבטל זיין** [בוקר וערב], **אַזוי קאָנט עטס אויך נישט מבטל זיין** [כהונת אהרן].

[דהנה] **די זענען געווען אַנְשֵׁי ״שֵׁם״** [שהיו בקיאים ״בשם המפורש״], **די האָבן געקאָנט אותות ומופתים באַווייזן** [על ידי זה][לט]**, אַזוי ברענגען זיי דאָך, שטייט דאָך**[מ]**.**

[אמנם] **משה רבינו האָט זיי געזאָגט, עטס קאָנטס אַלעס טון** [לעשות אותות ומופתים ע״י השתמשות בשם המפורש], **אָבער פונקט אַזוי ווי די חמה ולבנה,** [איז כאָטש סיי] **וואָס ס׳טוט זיך איבער׳ אויף דער וועלט,** [אָבער] **חמה ולבנה ׳גייען׳, ס׳וועט זיין ״טאָג״, ס׳וועט טאָג ווערן, די זון וועט אַרויסגיין. כאָטשיג אפילו זיי נעמען זיך אָן** [פאַר כבודו של הקב״ה] **און זיי ווילן נישט גיין.**

**זאָלט עטס וויסן, ״דאָס״ וועט אויך זיין** [מה שנבחר אהרן לכהונה, ולא יועיל לכם שום פעולות של אותות ומופתים]. **איי וויאַזוי, וויאַזוי איז דאָס מעגליך** [ליטול מהם הבחירה נגד זה. התירוץ הוא ווייל] **דעס וואָס ס׳איז דער רצון הבורא, דער בורא כל עולמים וויל ׳אויסדרוקליך׳, דעס מוז בלייבן**[מא]**.**

**עטס מעגט׳ס טון אַלעס** [דערקעגן, ולא יועיל. דכיון שאתם רוצים לבטל ״תורת משה״ אשר בזה תלוי ״קיום העולם״ להיות נוהג כמנהגו, וכמבואר בדברי הרשב״א הנזכרים, לא תועילו ולא תצליחו בזה].

[ואתי שפיר מה שדימה ענין הכהונה לענין בוקר וערב, ווייל] **ס׳איז די זעלבע זאַך.**

---

וכעין זה כתב רבינו בסוף הקדמת ויואל משה: **ויודע אני כי יורו המורים חצים ובליסטראות עד אין שיעור** על כל הדברים שכתבתי, כי כן דרך הציונים מעולם, וביותר הדתיים הנגררים אחריהם, לשפוך בוז וקלון חרופין וגדופין ואיומים נוראים ושקרים וכזבים על כל מי שאינו נמשך אחר דעותיהם ואינו הולך בעקבותיהם, ומגלים פנים בתורה שלא כהלכה ברוב הבלים עד אין שיעור וערך, כי אין קץ לדברי רוח. **אבל אברך את ה׳ אשר יעצני שלא להתחשב כלל עם כל דבריהם** כאפס וכאין המוחלט. ואקוה להשי״ת העוזר וסומך להאיר עיני המחכים לו לראות האמת, ויזכנו השי״ת שיתקדש שם שמים על ידינו, עדי נזכה לגאולה שלימה ומלאה הארץ דעה את ה׳ במהרה בימינו אמן.

[לט] וכמו שהביא רבינו זה בס״ג **שלח תשכ״ז** (לשו״ק אות רמא).

[מ] **בילקוט ראובני** (כאן, ד״ה): **איתא במדרש, אַנְשֵׁי ״שֵׁם״, שהיו בקיאים בשם המפורש.** (אבן שועב).

**ובתפארת יהונתן** (ד״ה אנשי שם) כתב: דרשו **במדרש** שנמסר להם סוד השם וכו׳, וגם יתכן שאמרו כל ניסי משה לא היו רק על ידי פעולת שמות, ולכך לקחו אנשי ״שם״, להראות לעם שיש כח לפעול פעולות רבות על ידי שמות. - וכן איתא **בתולדות יצחק** (למוהר״י קארו, דודו של הבית יוסף). וכן פירש **בנועם מגדים** (בפסוק קרואי מועד).

[מא] ועיין בס״ג **במדבר תשי״ד** (לשו״ק אות לז-מב) ועוד, דאף שבדרך כלל אין מונעין מן השמים את הבחירה של בני אדם, מ״מ בהכרח יש דברים כאלו שאף נוטלין מן השמים את הבחירה כדי שלא יוכלו לבטל זאת.

## קצג
# ביאור דברי רש"י (תולדות): שלא יאמרו מאבימלך נתעברה שרה

דרך אגב, [להוסיף ביאור] אויף דעם וואָס שטייט אין די גמרא [עבודה זרה הנזכר, והוספה] צי צו דער מימרא [שאמרו כן] ווייל ס'איז נוהג מנהג שבעולם מוז עס גיין [החמה ולבנה]. זאָגט דאָך די גמרא [אז] אַזוי איז מיט ממזרים, [דאף דדין הוא שלא תתעבר מ"מ עולם כמנהגו נוהג] (וכמו שהבאנו לעיל באות קעט).

## קצד
ברש"י פרשת תולדות: לפי שהיו ליצני הדור אומרים מאבימלך נתעברה שרה, לכן צר הקב"ה קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם, והעידו הכל כי אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק

לכאורה איז דאָ אַ קשיא [על זה, שהרי] רש"י זאָגט[מב] [על הפסוק] **וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם** - [און] ס'איז אַ מאמר חכמינו ז"ל (תנחומא תולדות, א), - [אז] ווייל די ליצני הדור האָבן געזאָגט מאבימלך נתעברה שרה, צָר בו הקדוש ברוך הוא קלסתר פניו של אברהם, יעדער זאָל זען אַז **אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק**.

לכאורה וואָס האָט מען דאָ מורא געהאַט מ'זאָל נישט זאָגן מאבימלך נתעברה שרה, ס'איז געווען אַ פחד [שיאמרו כך, און] דער בורא כל עולמים האָט געטון ווידער אַ נס[מג], [אַז] צָר בו קלסתר פניו, מ'זאָל זען אַז אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק.

## קצה
וקשה: האיך יכלו לומר מאבימלך נתעברה שרה, והלא שרה לא היתה יכולה לילד רק ע"י נס, ולפי דברי הגמרא הנזכר הרי ממזר אינו נולד אלא מחמת דעולם כמנהגו נוהג, אבל לא כשהוא בדרך נס

[ולפי דברי הגמרא הנזכר] לכאורה פאַרוואָס [חששו על כך], ווי קען דאָס זיין, ווי קאָן מען קלערן [שמאבימלך נתעברה שרה. והלא] למשל, זי איז דאָך געווען אַן אשת איש [של אברהם, ולמשל] ווען ס'העט געווען מאבימלך נתעברה שרה, העט ער דאָך געווען אַ ממזר. נו די גמרא זאָגט [דאָך אז] אַ ממזר דאַרף נישט געבוירן צו ווערן, נאָר ווייל מ'לאָזט מנהג העולם, [והתינח] דאָס איז רעכט אַז ס'איז מנהג העולם, אָבער אַז ס'געשעט אַזאַ נס [כי עקרה בת תשעים שנה תלד, אם כן לא היה זה בכלל עולם כמנהגו נוהג]?

[ווי] ס'שטייט דאָך[מד] מ'האָט דאָך מורא געהאַט זיי וועלן זאָגן [שהביאו] 'אסופי' מן השוק[מה], מ'האָט נישט געגלייבט [שהולד הוא בן שרה, ולכן נעשה נס כי] הֵינִיקָה בָנִים

---

[מב] ברש"י (תולדות כה, יט): **אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק**. ... על ידי שכתב הכתוב [וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת] **יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם**, הוזקק לומר **אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק**, לפי שהיו ליצני הדור אומרים מאבימלך נתעברה שרה, שהרי כמה שנים שהתה עם אברהם ולא נתעברה הימנו. מה עשה הקב"ה, צר קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם, והעידו הכל **אברהם הוליד את יצחק**. וזהו שכתב כאן, **יצחק בן אברהם היה**, שהרי עדות יש **שאברהם הוליד את יצחק**.

[מג] מלבד עצם הנס שנתעברה שרה, אף שהיתה בת תשעים, וגם היתה עקרה.

[מד] **בגמרא בבא מציעא** (פז.): וַתֹּאמֶר מִי מִלֵּל לְאַבְרָהָם הֵינִיקָה בָנִים שָׂרָה (וירא כא, ז), כמה בנים הניקה שרה. אמר רבי לוי, אותו היום שגמל אברהם את יצחק בנו, עשה סעודה גדולה, היו כל אומות העולם מרננים ואומרים ראיתם זקן וזקנה שהביאו אסופי מן השוק ואומרים בנינו הוא, ולא עוד אלא שעושין משתה גדול להעמיד דבריהם. מה עשה אברהם אבינו, הלך וזימן כל גדולי הדור, ושרה אמנו זימנה את נשותיהם, וכל אחת ואחת הביאה בנה עמה ומניקתה לא הביאה, ונעשה נס בשרה אמנו ונפתחו דדיה כשני מעיינות והניקה את כולן. - ועדיין היו מרננים ואומרים, אם שרה הבת תשעים שנה תלד, אברהם בן מאה שנה יוליד. מיד נהפך קלסתר פנים של יצחק ונדמה לאברהם, פתחו כולם ואמרו אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק. - [ועיין גם בתנחומא תולדות (סימן ג), ובבראשית רבה (נג, ט)].

[מה] "אסופי" היינו תינוק 'שנאסף' מן השוק ואין מכיר לא את אביו ולא אמו, כמבואר במשנה דקידושין (סט).

שָׂרָה. זי האָט דאָך אַמאָל [=בכל אופן] געוויזן [לכולם שהניקה גם את בניהם], ס'איז געווען אַ "נס".

[עכ"פ] מיט'ן דרך הטבע האָט זי שוין נישט געקענט האָבן [קינדער, כדכתיב (וירא יח, יא) וְאַבְרָהָם וְשָׂרָה זְקֵנִים בָּאִים בַּיָּמִים] חָדַל לִהְיוֹת לְשָׂרָה [אֹרַח כַּנָּשִׁים], זי האָט שוין נישט געקענט האָבן מיט'ן דרך הטבע, [ובני הדור] זיי האָבן טאַקע נישט געגלייבט [עד שהניקה בנים שרה], איז דאָך 'הכל מודים' געווען אַז ס'איז אַ "נס", [וגם בני הדור הכירו בזה].

און אַז ס'געשעט אַ "נס", [אם כן לפי דַעַת ליצני הדור] נו וויאַזוי איז געשען אַ נס כדי [שתתעבר] פון אבימלך. [והלא] אַז ס'איז מאבימלך נתעברה שרה, איז דאָך עס אַ ממזר, איז געשען אַ "נס" ס'זאָל געבוירן ווערן אַ "ממזר"?

ממה נפשך, דאָס ממזר ווערט דאָך נאָר געבוירן - זאָגט דאָך די גמרא - ווייל עולם כמנהגו נוהג, [און] מ'וויל נישט משנה זיין דאָס טבעיות העולם. [והתינח] אַז ס'איז אַ 'טבעיות', אָבער אַז מ'גייט טון אַ "נס" [שתלד שרה], איז דאָך עס 'נישט' קיין "עולם כמנהגו נוהג", איז דאָך עס 'שלא' כמנהג העולם, איז דאָך עס אַ "נס". נו וויאַזוי גייט מען [טון אַזוי מן השמים, וויאַזוי] טוט מען אַ "נס" ס'זאָל געבוירן ווערן אַ "ממזר", היתכן ווי קען מען דאָס קלערן?

אויב אַזוי איז צוריק איז דאָך קשה [למה נולדים ממזרים, איז דאָך] פאַרקערט פון דער גמרא וואָס דאָ שטייט [דכל זה הוא רק משום דעולם כמנהגו נוהג].

**קצו**

אמנם ביאור הענין: כי ממזר שאינו ידוע לא חיי, רק ממזר ידוע שבלאו הכי יודעין להזהר שלא יתערב בקהל. ועל כן בסתם ממזר, שבלא"ה נזהרין ממנו, אין שום סיבה להס"מ לעשות נסים עבור לידתו. ומצד הקדושה בודאי אין עושין נסים ללידת ממזר. ועל כן לא נולד ממזר רק כשלידתו הוא בדרך הטבע, מטעם "עולם כמנהגו נוהג"

נאָר וואָס'זשע דען, אַ פָּשׁוּט'ער ממזר [בעלמא, באם אין ידוע שהוא ממזר, הרי אמרו בגמרא][מו] ממזר לא חיי [דמן השמים משגיחין שלא יתערבו הפסולין]. אָבער אַ ממזר 'ידוע', מישט מען זיך נישט אויס מיט אים, [כי הכל יודעים שהוא אסור לבוא בקהל, ונמצא] ער פאַרדאַרבט נישט די 'וועלט', ער איז [נאָר] 'פאַר זיך' אַ ממזר, ביי דעם האָט דער ס"מ נישט אַזאַ גרויסע 'אינטערעסע' [אַז] ער זאָל באַווייזן נסים, [להוליד ממזר אף במקום שהוא שלא כטבע]. איז דאָך עס נאָר פונעם בורא כל עולמים [מה שממזר ידוע נולד כשהוא בדרך הטבע, כי לא ירויח הרבה מזה, כיון שבלאו הכי נזהרין שלא להתחנן עמו], וואָס דער בורא כל עולמים וויל נישט מְשַׁנֶּה זיין די טבע, [ועל כן בעלמא אצל ממזר פשוט אין נעשים "נסים" עבור תולדתו, לא מן השמים, ולא מצד השטן. ונולדים ממזרים רק כשהוא בדרך טבע, מטעם כי עולם כמנהגו נוהג].

---

[מו] **בגמרא יבמות** (עח:): שאלו את רבי אליעזר, ממזרת לאחר עשרה דרי מהו. אמר להם מי יתן לי דור שלישי, ואטהרנו [פירש"י: כלומר דבר שאי אפשר הוא]. אלמא קסבר ממזרא לא חיי. וכן אמר רב הונא ממזרא לא חיי [שלא יטמעו כשרים בדורותיו]. והא אנן תנן ממזרין אסורין ואיסורן איסור עולם, אמר רבי זירא לדידי מפרשא לי מיניה דרב יהודה, דידיע חיי [ממזר דידיע לכל בברור, חיי הוא ודורותיו, דלא מיטמעי ביה], דלא ידיע לא חיי [דלא ידיע כלל, לא חיי אפילו הוא, שלא ישא כשרה]. דידיע ולא ידיע, עד תלתא דרי [דזהירי אינשי], חיי, טפי לא חיי [דכיון דלאו דבר ברור הוא, משתכחא מילתא]. ההוא דהוי בשבבותיה דרבי אמי, אכריז עליה דממזרא הוה, בכי ואזיל, אמר ליה חיים נתתי לך.

KolSatmar.com

### קצז

אבל במקרה שיש צורך להשטן להוליד ממזר כזה שיפתה את העולם, אז השטן שפיר עושה אף "נסים" לזה, ואין שום תימה אם בכהאי גוונא נולד הממזר בדרך נס

**אָבער** [במקום שיש צורך להשטן בכדי לפתות את העולם, אָז הרי] **די קליפה די סטרא אחרא האָבן אַ כח** [ווי] **די גמרא זאָגט**[מז] **אפילו** [צו] **מעמיד זיין חמה** [באמצע הרקיע], **ליידער די עבודה זרה האָט אַ כח צו באַווייזן נסים**[מח]**, דער בורא כל עולמים האָט זיי געגעבן דעם כח,** [ועל כן כשיש צורך לפתות את העולם, אין שום תימה לומר שיוולד ממזר אף בדרך נס, ווייל] **דעס נס שטאַמט פון ס"מ.**

### קצח

והנה אברהם אבינו, היו כל מלכי מזרח ומערב משכימים לפתחו, והפך אנשי העולם להיות מאמינים בה'. וכשראו ליצני הדור שנולד לו בן שיהיה כמותו, רצו להטעות העולם כאילו יצחק הוא מצד שלהם, ולזה אמרו מאבימלך נתעברה שרה, כדי לבטל השפעת הקדושה של אברהם ויצחק על אנשי העולם

**ממילא ביי יצחק אבינו, האָט מען געזען ס'ווערט געבוירן אַ קינד ביי אברהם אבינו. ער איז געווען דער 'מנהיג העולם', אַלע זענען מִשְׁתַּחֲוִים לְפִתְחוֹ**[מט]**, אברהם אבינו האָט מהפך געווען די גאַנצע וועלט.** [ועל כן] **ווען זיי האָבן געזען** [אַז] **דעס קינד** [יצחק] **וועט אויך זיין אַזוי** [כאברהם], **זיי האָבן געזען, - דעמאָלטס האָבן זיי דאָך געזען די חכמי כוכבים ומזלות, די איצטגנונים, - אַז דער וועט אַ 'מנהיג העולם' זיין.**

[ועל כן חשבו אלמלי] **אַז זיי זאָלן אים 'דערווישן'** [ח"ו לצד שלהם], **טאָמער העט עס געווען געוועזן פון אבימלך'ן, רחמנא ליצלן, העט ער דאָך געווען געוועזן פון 'זייערע' פאַרטייען,** [ואז לא היה קשה כלל איך אפשר שייעשה נס להולדת ממזר, כי] **פאַר 'אַזעלעכן' באַווייזט דער ס"מ** [״נסים״], **ער האָט מסירות** [נפש לפתות בני אדם].

### קצט

וכן מצינו אצל איוב שנעשו לו "נסים" מצד השטן להשאירו בחיים בעת יסוריו, כי עי"ז בא אח"כ לידי חירוף וגידוף רח"ל

[וכמו שמצינו בדברי חכז"ל שאמרו] **אין מזכירין מעשה נסים**[נ]**,** [ווי] **די גמרא זאָגט ביי איוב'ן אויכעט,** [ואמרו] **ניסא שאני.**

[און] **דער "שטן" האָט געמאַכט דעמאָלטס** [בְּאִיּוֹב, די אַלע 'נסים']**. דער בורא כל עולמים האָט געזאָגט פאַר'ן שטן שְׁבוֹר הֶחָבִית וּשְׁמוֹר יֵינָהּ**[נא]**, קומט אויס** [אַז] **דער "שטן" האָט באַוויזן די נסים אַלע, ביי אִיּוֹב. שטייט דאָך אין די גמרא אַזוי.**

---

[מז] **בגמרא סנהדרין** (צ.): אמר רבי אבהו אמר רבי יוחנן, בכל אם יאמר לך נביא עבור על דברי תורה [פירש"י: אם יאמר לך נביא המוחזק, עבור על דברי תורה, הכל לפי תקנת השעה, כגון אליהו בהר הכרמל בשחוטי חוץ], **שמע לו, חוץ מעבודת כוכבים, שאפילו מעמיד לך חמה באמצע הרקיע אל תשמע לו.** תניא רבי יוסי הגלילי אומר, הגיע תורה לסוף דעתה של עבודת כוכבים, לפיכך נתנה תורה ממשלה בה [פירש"י: כלומר אפילו תראה אותו נביא מושל ועושה כרצונו, דכתיב (ראה יג, ב) וְנָתַן אֵלֶיךָ אוֹת אוֹ מוֹפֵת], **שאפילו מעמיד לך חמה באמצע הרקיע אל תשמע לו וכו'.**

[מח] כמבואר באורך בס"ג **בהעלותך** וס"ג **שלח**, מדברי הגמרא בעבודה זרה (נה.).

[מט] כמבואר **בגמרא בבא בתרא** (טז:): רבי אלעזר המודעי אומר, איצטגנינות היתה בלבו של אברהם אבינו, **שכל מלכי מזרח ומערב משכימין לפתחו.**

[נ] **בגמרא חולין** (מג.) איתא שרבי יוסי ברבי יהודה ס"ל ניקב המרה טריפה. ושאלו חביריו, הלא מצינו **באיוב** (טז, יג) יִשְׁפֹּךְ לָאָרֶץ מְרֵרָתִי, שניקבה לו המרה, ועדיין היה חי. אמר להם **אין מזכירין מעשה נסים**, דאי לא תימא הכי, יְפַלַּח כִּלְיוֹתַי וְלֹא יַחְמוֹל (שם) מי קא חיי, **אלא ניסא שאני**, דכתיב (שם ב, ו) [וַיֹּאמֶר ה' אֶל הַשָּׂטָן הִנּוֹ בְיָדֶךָ] רַק אֶת נַפְשׁוֹ שְׁמֹר, הכא נמי **ניסא שאני.**

[נא] **בגמרא בבא בתרא** (טז.): וַיַּעַן הַשָּׂטָן אֶת ה' וַיֹּאמַר, עוֹר בְּעַד עוֹר וְכֹל אֲשֶׁר לָאִישׁ יִתֵּן בְּעַד נַפְשׁוֹ. אוּלָם שְׁלַח נָא יָדְךָ וְגַע אֶל עַצְמוֹ וְאֶל בְּשָׂרוֹ אִם לֹא אֶל פָּנֶיךָ יְבָרְכֶךָּ. וַיֹּאמֶר ה' אֶל הַשָּׂטָן הִנּוֹ בְיָדֶךָ אַךְ אֶת נַפְשׁוֹ שְׁמֹר. וַיֵּצֵא

KolSatmar.com

פאַרוואָס ס'איז געווען דורכן שטן, דאָס האָב איך שוין אַן אַנדערעס מאָל געזאָגט[נב], איך וויל נישט היצט איבער'חזר'ן[נג].

[אָבער] על כל פנים דער שטן קען באַווייזן "נסים", און ס'איז גאָרנישט קיין רבותא.

**ר**

ועל כן אם היה ח"ו האמת כדברי ליצני הדור, אז לא היה שום תימה מה שנולד יצחק בדרך נס, כי אז היה כן מצד השטן, שהיה עושה הנס בכדי לפתות העולם

איבערדעם איז גאָרנישט קשה די קשיא [איך חשבו לומר מאבימלך נתעברה שרה. דלעולם] דער 'שורת הדין' [איז] ס'זאָל נישט זיין[נד] [עיבורו ולידתו של ממזר, כשהוא שלא כטבע ומנהג העולם], אָבער דער ס"מ קוקט נישט אויפ'ן 'דין', ער טוט 'שלא כשורת הדין'.

די גמרא זאָגט עס [דדין הוא שלא תתעבר] נאָר דאָרטן וואו דער ס"מ פאַרלייגט זיך נישט, אַז ס'איז פון בורא כל עולמים, [על זה אמרו] דער שורת הדין העט געדאַרפט צו זיין אַז מ'זאָל עס נישט טון, און אויף דעם זאָגט די גמרא דאַרף איך האָבן [דעם תירוץ], איבערדעם מוז איך אויסקומען [לתרץ] ווייל עולם כמנהגו נוהג.

אָבער דאָרטן וואו דער ס"מ וויל, אַז ער וויל עפּעס דערווישן [כדי] די וועלט צו פאַרפירן, אַז ער וויל עפּעס דערווישן, ער קוקט נישט אויפ'ן 'שורת הדין', דעמאָלטס ער באַווייזט ער טאַקע נסים, [און] ס'איז גאָרנישט [להתפעל מזה], ס'קען זיין [אַזאַ זאַך].

[דבכדי] אַז ס'זאָל געבוירן ווערן אַ "ממזר" אַזוינס, צו פאַרפירן די וועלט, [פאַרדעם] מאַכט דער ס"מ נסים וויפיל מ'וויל.

דאָס איז נישט קיין שום קשיא [איך יוכלו לומר מאבימלך נתעברה שרה, דאם היה האמת כן אז היה יכול להיות זה אף בדרך נס ע"י הס"מ].

**רא**

ולכן שפיר היה חשש שיחשבו העולם כסברת ליצני הדור, ולזה הוצרך הקב"ה לצייר פני יצחק דומה לאברהם, כדי לבטל דברי הבליהם, ושידעו כי באמת נולד מן "אברהם" ושרה, ושהיה כאן "נס" גדול מצד "הקדושה", עבור השתלשלות הכלל ישראל

איבערדעם האָט מען מורא געהאַט מ'זאָל נישט זאָגן מאבימלך [נתעברה שרה, ולכן צר הקב"ה קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם].

---

הַשָּׂטָן מֵאֵת פְּנֵי ה' וַיַּךְ אֶת אִיּוֹב וגו' (איוב ב, ד-ז). אמר רבי יצחק, קשה צערו של שטן יותר משל איוב [פירש"י: צערו של שטן. שהוזקק לשמור את נפש איוב שלא תצא], משל לעבד שאמר לו רבו שבור חבית ושמור את יינה.

[נב] בדרשה ביום שב"ק פינחס תשי"ב בירושלים עיה"ק (נדפס בדברי יואל פינחס עמוד קנב, ובתניינא שם עמוד קלב), ובמסיבה מוצ"ש וישב תשי"ג (נדפס בחידושי תורה למסיבות) ובליל ד' דחנוכה תשי"ג (ודברי יואל לחנוכה אות פ), וס"ג אחרי קדושים תשכ"א (ודברי יואל אחרי עמוד פב).

ותמצית היוצא משם, כי איוב היה מתחילה במדריגה גדולה מאוד, וע"י יסוריו בא לידי חירוף וגידוף ולהטיח דברים כלפי מעלה, ועי"ז נטרד מעולם הבא, ונמצא שמה שנשאר עוד בחיים היה זה רעה גדולה אליו, ועל כן לא היה יכול להיות נס זה רק מצד השטן. ועוד טעם, כי איוב בזכותו הגין על הכנענים, וכל זמן שהיה חי היה מתעכב ביאתם של ישראל לארץ, וכמבואר ברש"י פרשת שלח (יד, ט) בפסוק סָר צִלָּם מֵעֲלֵיהֶם, וע"כ נס כזה לא היה יכול לבוא מצד הקב"ה רק מצד השטן.

[נג] ועיין בהקדמת על הגאולה ועל התמורה (עמוד יד), שהאריך שם רבינו בענין זה בטוב טעם ודעת (בביאור טעם הראשון הנזכר).

[נד] וכלשון הגמרא "דין" הוא שלא תתעבר.

KolSatmar.com

[דהאמת היה] **ס׳איז געווען אַ גרויס נס** [מצד הקדושה, וואָס] **די גאַנצע וועלט איז ׳אויף׳ געוועזן** [דערמיט], **ווי ס׳שטייט הֵינִיקָה בָנִים שָׂרָה, מ׳האָט געוויזן דאָס גרויסע נס** [שנעשה לאברהם אבינו. וממילא אלמלי] **אַז מ׳וועט זאָגן מאבימלך נתעברה שרה, איז שוין אויס נס** [וחידוש בכל הענין, ווייל] **דעמאָלטס שטאַמט דאָס פונעם סמ״ך מ״ם אינגאַנצן**[נה].

### רב

### היוצא מזה לענין הנסיונות שעל הפרק:

מה שמפטפטים עתה ליצני הדור לומר שנעשה ׳נסים׳ להצלחת הציונים, אפילו אם היה כן לא היה בזה שום תימה ורבותא, כיון שהשטן עומד לימינם. אלא שהאמת הוא שלמעשה לא נעשה עתה שום נסים, כי גם השטן אין עושה נסים למגנא, ולפי שפלות הדור הזה דַי לפתותם בעוה״ר אף בלא נסים

**דאָס איז גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן:**

**דאָ אַז מ׳זעט אַז ס׳ווערט געבוירן אַזאַ ׳תנועה׳** [של כפירה ומינות, ושבח לרשעים], **אַזאַ ׳ממזר׳ ווערט געבוירן, אַזוינס וואָס ס׳פאַרפירט אַזוי די וועלט,** [איז זיכער אַז] **דאָס איז פונעם ס״מ.**

[וממילא] **ווען ס׳איז גיווען די ״גרעסטע נסים״, איז עס גאָרנישט.** [ואין להתפעל מזה].

### רג

[נאָר] **געלויבט השם יתברך ס׳איז ׳נישט׳ געשען קיין נסים, מ׳האָף מיר צו השם יתברך ער זאָל אונז ווייטער העלפן** [שהשטן לא יעשה נסים להצלחתם], **מ׳האָף מיר.**

**אָבער אָבער, אָבער אין פחד בין איך נאָך גרויס, ס׳קאָן נאָך געשען חלילה** [בעתיד] **גרויסע ביטערע נסים.**

### רד

**נאָר אַזויפיל, אַז די וועלט איז אַזוי שפל, אַז ס׳פעלט נישט אויס** [להשטן לעשות ״נסים״, כי הוא מפתה אותם גם בלא זה, וגם השטן לא עביד ניסא למגנא], **אַזוי ווי כ׳האָב דאָס פאָריגע מאָל געזאָגט**[נו], **ס׳פעלט נישט אויס קיין ניסים** [בכדי לפתות העולם], **מ׳דאַרף**

---

[נה] ועיין עוד בחינה זו בביאור דברי רש״י פרשת תולדות **בדברי יואל לסוכות** (אות סד). וע״ע קרוב לזה **בדברי רבינו א׳ תולדות תשכ״ח.**

[נו] **בס״ג נשא תשכ״ז** (לשו״ק אות כג). **ובס״ג בהעלותך תשכ״ז** (לשו״ק אות ע).

וז״ל רבינו בס״ג נשא שם: איך געדענק ווי איך האָב דאָ געזאָגט פאַר צען יאָר [צוריק, בשנת] **תשי״ז** – ס׳איז שוין געדרוקט (בחידושי תורה תשי״ז) – אין **שבועות,** [ואמרתי כי] איך רעכט מיך נאָך אַז זיי וועלן טאַקע ווייזן נסים, אַזוי ווי די גמרא זאָגט בְּפֵרוּשׁ (עבודה זרה נה.) הבא לטמא פותחין לו, בְּפֵרוּשׁ אַז זיי באַווייזן גאָר נסים, דער ס״מ באַווייזט נסים, ער דרייט אָן אַ זאַך און פירט עס אַזוי צו.

[נאָר ס׳איז] **׳עקסטערע חסדים׳ אַז ס׳איז קיין ״נסים״ נאָך ׳נישט׳ געשען,** [נאָר] **אַלעס איז שטותים והבלים** [כי הכל הוא רק אופני הצלחה המלובשים בטבע, כמובן פאַר דעם] וועט ס׳קוקט און ווייסט ׳אַביסל׳.

פאַרוואָס איז נאָכנישט געשען קיין נסים? [ווייל אַזוי ווי] קודשא בריך הוא לא עביד ניסא למגנא, [כך] דער ס״מ איז זיך [באַגאַנגען אָן דעם] זעט אויס, אַז ער קאָן זיך באַגיין אָן נסים באַגייט ער זיך אויך. ער זעט דאָס שפלות הדור, [זעט ער אז] ער ברויך נישט קיין נסים, ער ברויך נאָר ׳אָנשטעלן׳ אַ זאַך אַז מ׳זאָל קענען זאָגן ׳ליגנט׳ אַז ס׳איז נסים, איז אויך שוין גענוג צו ׳פאַרבלענדן׳ דאָס דור. בחנם ווייזט ער נישט קיין נסים. אַז נישט, העט שוין געווען נאָך גרעסערע נסים [וכמו שאמרתי מלפני כמה שנים].

איך האָב מיך גערעכט [=גערישט] נאָך מער, איר זעט [דאָך אַז] כ׳האָב אַזוי געזאָגט פאָראויס, היינט צען יאָר. פאַרוואָס האָב איך עס געזאָגט? נישט בנבואה און נישט ברוח הקודש, נאָר וואָס׳זשע דען, מ׳זעהט אין ספרים, מפי סופרים וספרים, אַז ׳דאָס׳ איז דער דרך פונעם ס״מ. ס׳איז נאָכנישט געווען קיינמאָל אַנדערש אַזאַ

נאָר האָבן אַ 'ליגנט' מ'זאָל קאָנען זאָגן [כאילו היה נסים], באַגענוגט זיך דער שטן מיט דעם, איז אים אויך גוט, ער באַגענוגט זיך מיט דעם[נז].

אָבער אָבער, בעוונינו הרבים [מזה גופא נמצא] מ'זעט נעבעך דאָס גרויסע שפלות וויאַזוי מ'זעה מיר אויס [שמתפתין בנקל מכל נסיון, עד שאין שום צורך להשטן להראות עתה נסים, כמו שהוצרך לעשות בדורות הראשונים].

**רלח**

## ישוב הקושיות בפסוק וְאֵשׁ יָצְאָה מֵאֵת ה'

**הקדמה לישוב קושיא יט**

**מצינו כמה מיני כוחות האש ותולדותיהם**

נאָר [לבאר] דעם מאמר פון **פרקי דרבי אליעזר**, [אין לך אדם] שלא יעבור עליו מאותה האש. [וואָס] ס'איז אַן ענין פלא.

**רלט**

בגמרא ברכות: הנצרך לבריות כאילו נידון "באש" ובמים. ולכאורה אינו מובן הכוונה. ובפרט דמביא ראיה לזה מן הפסוק, ושם לא נזכר דהוא "כאילו", רק נאמר בלשון "שבא" באש ומים

איך קלער אפשר.

[דהנה] די גמרא זאָגט אין **ברכות דף ו'**[נח], **כל הנצרך לבריות, כאילו נידון באש ובמים, שנאמר** (תהלים סו, יב) **הִרְכַּבְתָּ אֱנוֹשׁ לְרֹאשֵׁנוּ בָּאנוּ בָאֵשׁ וּבַמַּיִם.**

א] ס'איז דאָך עפּעס אַ פלא לכאורה, וואָס עפּעס "אש ומים". וואו איז "פייער", וואו איז "וואַסער", [דהיכן מצינו זה כשנצרך אדם לבריות].

ב] עקסטערדעם [קשה], מילא די **גמרא** זאָגט כאָטש "כאילו", קאָן זיין [לפרשו כי] ער שפירט אַזאַ צער. [אמנם] אין **פסוק** שטייט אָבער נישט קיין 'כאילו', [שהכתוב אומר] **הִרְכַּבְתָּ אֱנוֹשׁ לְרֹאשֵׁנוּ** און ער זאָגט נישט "כְּ"בָּאנוּ, [רק אומר] **הִרְכַּבְתָּ אֱנוֹשׁ לְרֹאשֵׁנוּ "בָּאנוּ" בָאֵשׁ וּבַמַּיִם**, סְתָם [כפשוטו], מ'קומט [אין] "אֵשׁ וּמַיִם". [ואינו מובן היכן מתקיים זה].

**רמ**

אמנם הענין מבואר שם במהרש"א, דע"י שנעשה מבוייש כשנצרך לבריות, ואזיל "סומקא" ואתי "חוורא", נמצא דהוא בא "בתולדות" האש שהוא סומקא, "ובתולדות" המים שהוא חוורא

שטייט אין **מהרש"א**[נט], איך מיין [אז] ער דער מהרש"א זאָגט עפּעס א שטיקל

---

ענין, אַז ס'זאָל נישט גיין מיט נסים ונפלאות, [וכדכתיב] (ראה יג, ד) כִּי מְנַסֶּה ה' אֱלֹקֵיכֶם אֶתְכֶם, ווי ער זאָגט [באבן עזרא שם לפרש] אז פאַר דעם ווייל מ'הערט [אים] צו דאָס דור [לנביא השקר], איז דאָס דער עונש אַז ס'געשעט נסים.

[נז] **וז"ל רבינו בויואל משה** (א, מז): **וכבר היו כמה נביאי הבעל ומשיחי שקר שהטעו את העולם במופתים, ועשו חורבנות נוראות, עד שזמן רב לא היה יכולת אף בידי גדולי הדור האמיתים להציל את העם. ומכל שכן בדור יתום, שאין צריך אף למופתים, אלא אפילו בשקרים גלויים השטן מסמא את העינים, שיהיה להם דמיונות כוזבות כאלו הם מופתים, וזה סגי להטעות את כל העולם מדרך האמת.**

[נח] **בגמרא ברכות** (ו:): רבי יוחנן ורבי אלעזר דאמרי תרוייהו, **כיון שנצטרך אדם לבריות פניו משתנות ככרום** [פירש"י, שהוא זל בעיניהם], שנאמר (תהלים יב, ט) **כְּרֻם זֻלּוּת לִבְנֵי אָדָם**. מאי כְּרֻם, כי אתא רב דימי אמר, עוף אחד יש בכרכי הים וכרום שמו, וכיון שחמה זורחת מתהפך לכמה גוונין. רבי אמי ורבי אסי דאמרי תרוייהו, **כאילו נִידוֹן בשני דינים, אש ומים**, שנאמר **הִרְכַּבְתָּ אֱנוֹשׁ לְרֹאשֵׁנוּ בָּאנוּ בָאֵשׁ וּבַמַּיִם**. [פירש"י: **לראשנו**. להיות נושה בנו, דמתרגמינן כְּנוֹשֶׁה (משפטים כב, כד), כְּרַשְׁיָא].

[נט] **במהרש"א** (ברכות שם בחי' אגדות): **ולמאן דדריש** [הפסוק כרום זלות לבני אדם] **כיון שנצרך אדם לבריות כו'**, קאי

KolSatmar.com

**ענטפער צו דעם** [דכוונתו הוא לתרץ דיוקים אלו]. **זאָגט ער,** [דהכוונה כי] **הנצרך לבריות ווערט אַסאַך מאָל מבוייש,** [ונעשה] **אָזִיל סוּמְקָא וְאָתֵי חִוְּרָא**[ס], [שפניו נעשו אדומים, ואח"כ נעשו לבנים. און] **סוּמְקָא - זאָגט ער - איז תולדות האש, די תולדה איז פונעם מקור** [האש. און] **חִוְּרָא איז תולדות מים.**

**איבערדעם זאָגט ער** [הפסוק], **בָּאנוּ בָאֵשׁ וּבַמַּיִם. ווייל ס'איז די תולדה פון דעם.**

**רמא**

והיוצא מזה כי התולדה נקרא במקום האב, ואף שנאמר "אֵשׁ"
סְתָם, הכוונה רק על "תולדות האש" אשר רבים המה

**על כל פנים זעה מיר דאָך אין דעם פסוק, אין דעם דְרַש, אַז ס'איז תולדה במקום אב, ס'ווערט אָנגערופן אויפ'ן נאָמען פונעם אב, די תולדות.**

**רמב**

**ישוב קושיא יט**

ועל דרך זה צריך לומר גם בביאור דברי הפרקי דרבי אליעזר, שאין אדם שלא יעבור עליו "מאותה האש",
דהכוונה על בחינות של "תולדות האש", אשר יש בזה כמה בחינות והשפעות שהם מיסוד ותולדות האש

**נו אַז אזיל סומקא ואתי חוורא, איז תולדות האש** [ומים], **זעט אויס, אויף דער בחינה מוז דאָס אויך זיין** [כוונת דברי הפרקי דרבי אליעזר], **דעס וואָס ער זאָגט אֵין לך אדם** [שלא יעבור עליו **מאותה האש**], **דער "אש"** [הכוונה על בחינות שונות הנשפעים מתולדות האש]. (וכההמשך דלהלן באות רמז).

**רמג**

וכיוצא בזה מצינו בגמרא דיש ששה מיני אש, ואף יש אש "המקרר"

**די גמרא זאָגט דאָך אין יומא**[סא] **ו' מיני אשות, פונעם הימל איז דאָ אַ פייער,** [און פאַר] **חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָה איז אַראָפּגעקומען אש של מעלה און ס'האָט "מקרר" געווען, זאָגט דאָרטן די גמרא. ס'איז גאָר** [דאָ] **אַזאַ מין אש וואָס איז מקרר.**

**דאָס איז** [אויך דאָ], **דער כח איז אויך דאָ אין אש, פאַרשידענע כוחות, דעס וואָס ס'איז אַראָפּגעקומען.**

---

נמי ארישא דקרא [דאמר סביב רשעים יתהלכון. והוא] על פי מה שאמרו (בבא מציעא עה:) **דאסור לאדם לעבור נגד בעל חוב שלו, כדי שלא לביישו אם אין לו לשלם, וזהו שנאמר סָבִיב** [רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן] **וגו', דמדת רשעים אינו כן, אלא דסביב בעל חוב הולכין, ומזלזלין בו עד שנשתנה** [פניו ככרום] **כו'. ואהא מייתי כאילו נידון באש ובמים כו', דהיינו שמביישו** [ו]**נשתנה פניו להתהפך בגוונים, דאזיל סומקא דהוא תולדות "אש", ואתי חיורא דהוא תולדות "מים".**

[ס] מלשון **הגמרא בבא מציעא** (נח:): תני תנא קמיה דרב נחמן בר יצחק, **כל המלבין פני חבירו ברבים כאילו שופך דמים.** אמר ליה שפיר קא אמרת, דחזינא ליה **דאזיל סומקא ואתי חוורא.** [פירוש: דבשעה שאדם מתבייש, נעשו פניו אדומים ואחר כך נעשו פניו לבנים, והרי כי על ידי זה מסתלק דמיו וחיותו ממנו, והרי זה כשופך דמים. ומה שמאדים בתחלה, כתבו התוספות שם, דזהו לפי שמתאספין הדמים לברוח].

[סא] **בגמרא יומא** (כא:): תנו רבנן שש אשות הן, יש אוכלת ואינה שותה, ויש שותה ואינה אוכלת, ויש אוכלת ושותה, ויש אוכלת לחין כיבשין, ויש אש דוחה אש, ויש אש אוכלת אש. **יש אש אוכלת ואינה שותה,** הא דידן. **שותה ואינה אוכלת,** דחולין [פירש"י: מן הקדחת, שהוא כאש, וצמא למים ואינו חפץ לאכול]. **אוכלת ושותה,** דאליהו, דכתיב (מלכים א' יח, לח) וְאֶת הַמַּיִם אֲשֶׁר בַּתְּעָלָה לִחֵכָה. **אוכלת לחין כיבשין,** דמערכה. **יש אש דוחה אש** [ממקומה להלן], **דגבריאל** [שירד להציל חנניה מישאל ועזריה, שצינן את הכבשן מבפנים והקדיח מבחוץ, לשרוף את זורקיהן לתוכו, כדאמרינן בערבי פסחים (קיח.)]. **ויש אש אוכלת אש,** דשכינה. דאמר מר הושיט אצבעו ביניהם ושרפן [בסנהדרין (לח:) הוא, גבי כיתות של מלאכים שאמרו לפניו מה אנוש כי תזכרנו].

KolSatmar.com

**רמד**

וכן לעתיד מצינו בכח האש שבחמה, שבאותה כח האש עצמה צדיקים מתרפאין בה ורשעים נידונין בה. וכדוגמת "הקטורת" בפרשתן, שעל ידה מתו עדת קרח, ועל ידה נעצרה המגפה

**אַזוי ווי ס'איז פאַרהאַנדן**[סב] [בחינה כזה, אשר] **צדיקים מתרפאין בה ורשעים נידונין בה** [לעתיד, כשהקב"ה] **חמה מוציא מנרתיקה.**

**די זעלבע זאַך ביי די קטורת** [שמבואר בפרשתן, שעל ידה מתו עדת קרח, ועל ידה נעצרה המגפה מעל בני ישראל][סג].

**רמה**

ועל דרך זה יש לבאר כמה פסוקים ודברי חכז"ל שנמצא בהם לשון "אש", שהם מורים על בחינות כאלו, ואין צריך לפרש על "אש" גמור, רק על איזה השפעה מן השמים שנקרא כן

**ס'איז אַן השפעה מן השמים דער אש,** [וואָס] **כמה זאַכן געפינט מען** [שהם מבחינות יסוד האש ותולדותיה][סד].

**אַסאַך ענינים קאָן מען מיט דעם מיישב זיין אין די גמרא, וואָס ס'ווערט אָנגערופן "אש".**

[וכגון מה שאמרו] (חגיגה כז.) **הקב"ה זאָגט** [כה דברי כאש], **תלמידי חכמים לא שולטת בהן אש** [של גיהנם], **קל וחומר מסלמנדריא** [שהוא תולדות האש, ואין אש שולטת בו, על אחת כמה וכמה תלמידי חכמים שכל גופן אש, שנאמר] **הֲלוֹא כֹה דְבָרִי כָּאֵשׁ, מ'גלייכט צו כָּאֵשׁ.**

**רמו**

[ומבואר בפסוק, כִּי ה' אֱלֹקֶיךָ] **"אֵשׁ" אֹכְלָה הוּא** (ואתחנן ד, כד), **ווערט אָנגערופן כביכול דער בורא כל עולמים.** [און ס'שטייט] **ניטאַמאָל "כְּאֵשׁ"** [וכמו בפסוק דלעיל כֹה דְבָרִי 'כָּאֵשׁ'].

[והרי שיש בלשון "אש" בחינות שונות וגבוהות לאין שיעור, אשר אין אתנו יודע עד מה].

**רמז**

ועל דרך זה אמרו כאן, שבכל אדם עובר עליו "מאותה האש". והכוונה על התולדות היוצאים מבחינת יסוד האש

[וממילא אז] **מ'קוקט אויף די "תולדות"** [המכונים בשם האב, און מ'זעט] **מ'גייט דורך די נסיונות** [וואָס מ'גייט דורך, יכולין להבין] **איז דאָך אֵין לך אדם שלא יעבור עליו "מאותה האש", קאָן זיין מיינט די "תולדות".** [דיש בזה כמה בחינות שונות שמקורם ושורשם הוא מיסוד אותה האש][סה].

---

[סב] **בגמרא עבודה זרה** (ג:) [ונדרים ח:]: **דאמר רבי שמעון בן לקיש, אין גיהנם לעתיד לבא** [לאחר תחיית המתים], **אלא הקב"ה מוציא חמה מנרתיקה ומקדיר, רשעים נידונין בה וצדיקים מתרפאין בה. רשעים נידונין בה, דכתיב** (מלאכי ג, יט) **כִּי הִנֵּה הַיּוֹם בָּא בֹּעֵר כַּתַּנּוּר וְהָיוּ כָל זֵדִים וְכָל עֹשֵׂה רִשְׁעָה קַשׁ וְלִהַט אֹתָם הַיּוֹם הַבָּא אָמַר ה' צְבָקוֹת אֲשֶׁר לֹא יַעֲזֹב לָהֶם שֹׁרֶשׁ וְעָנָף, לא שורש בעולם הזה ולא ענף לעולם הבא. צדיקים מתרפאין בה, דכתיב** (שם, כ) **וְזָרְחָה לָכֶם יִרְאֵי שְׁמִי שֶׁמֶשׁ צְדָקָה וּמַרְפֵּא בִּכְנָפֶיהָ וגו'. ולא עוד אלא שמתעדנין בה, שנאמר** (שם) **וִיצָאתֶם וּפִשְׁתֶּם כְּעֶגְלֵי מַרְבֵּק.** [ופרש"י: הַיּוֹם הַבָּא. השמש הבאה, דבכמה דוכתין קרינן לשמשא יומא: וִיצָאתֶם וּפִשְׁתֶּם. סיפא דוזרחה לכם הוא, וּפִשְׁתֶּם לשון שומן וריבוי ועובי, כמו (אונקלס בראשית א, כב) פושו וסגו, וכמו (איוב לה, טו) וְלֹא יָדַע בַּפַּשׁ מְאֹד].

[סג] **וכמבואר ברש"י** (יז, יג) **בפסוק וַיַּעֲמֹד בֵּין הַמֵּתִים וּבֵין הַחַיִּים וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה: דבר אחר, לָמָּה בקטרת, לפי שהיו ישראל מליזין ומרננים אחר הקטרת לומר סם המות הוא, על ידו מתו נדב ואביהוא, על ידו נשרפו חמשים ומאתים איש, אמר הקב"ה תראו שעוצר מגפה הוא, והחטא הוא הממית.**

[סד] **וכידוע מספר יצירה, כי כל הבריאה כלולה מארבע יסודות, "אש" מים רוח עפר.**

[סה] **ושוב אין להקשות היכן מצינו בכל אדם בחינת האש, דאם המדובר הוא בהתולדות ולא באש הנרגש, הרי יש בזה בחינות שונות לאין שיעור, מה שאין ניכר ונרגש לכל אחד.**

## רמח
## ביאור דברי הרה"ק מרוזשין

**דלפני ביאת המשיח, יֵרֵד "אֵש" מן השמים לנביאי הבעל, והנסיונות באמונה יהיו גדולים מאוד**

טאָקע דאָס ענין האָב איך געקלערט דאָס, [לבאר בדרך זה גם דברי הרה"ק מרוזשין דלהלן].

**איך האָב געהערט פון אַן איש מהימן**[סו], וואָס ער האָט געהערט פונעם **פאָטער**, - ער האָט עס מיר געזאָגט כמה פעמים, - דער **פאָטער** איז געווען אַן איידעם ביי אַ איד וואָס ער איז געווען עטליכע צוואָנציג יאָר ביים **רוזשינער זכרונו לברכה**.

האָט ער מיר דערציילט, ער האָט געהערט, ער האָט אים געזאָגט דער **פאָטער**, אַז דער שווער [של האבא] האָט אים געזאָגט.

ער האָט געהערט ווי **דער הייליגער רוזשינער** האָט געזאָגט:

**אַזוי ווי ס'איז געווען** [בימי אחאב, כי] **"אֵלִיָּהוּ" האָט אַראָפּ געברענגט אֵשׁ מִן הַשָּׁמַיִם** [להוכיח את האמת נגד 'נביאי הבעל'. כך יהיה להיפך] **"פאַר ביאת המשיח" וועט זיין די נסיונות**, [אַז] **דאָס "אֵשׁ מִן הַשָּׁמַיִם" וועט אַראָפּקומען פאַר די 'נביאי הבעל', און די נסיונות וועלן זיין זייער גרויס. מ'וועט זיך דאַרפן 'דראַפּענען'** [אויף גראָדע ווענט, אז] **מ'זאָל קאָנען ניצול ווערן.**

**אַזוי האָט ער געזאָגט**[סז].

---

[סו] הכונונה על הגה"צ ר' **אברהם יעקב טייטלבוים** ז"ל, תלמיד מובהק להגאון ר' מאיר אריק אב"ד טארנא ז"ל בעל אמרי יושר, שהיה רב דקהל עדת יראים בשכונת קיו גאַרדענס, קווינס נ.י. [וכשנפגש אחר כך הגה"צ הנ"ל עם רבינו, אמר לו רבינו, שלכן לא הזכיר שמו כשהעתיק דברים אלו, כדי שלא יגיע לו מזה היזק פרנסה, ע"י חסרון המתפללים בבית מדרשו (לאור המצב ששרר אז בעולם נגד דעת קדשו של רבינו)].

ובשנת תשנ"ו הוציאו בניו של הגה"צ הנ"ל ספר **קול יעקב** מכתביו ודרשותיו, ושם (עמוד פב) הובא ענין זה בזה"ל: שמעתי מאדוני אבי זצ"ל, ששמע מחותנו בשם זקני רבי אליעזר טאפריבער זצ"ל, שהיה מסתופף במשך עשרים שנה אצל הרבי מרוזין זצ"ל, ושמע מהרוזינער שאמר: זאָלטס וויסן אידן, אז פאַר ביאת המשיח וועט זיך אָפּשפּילן די זעלבע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט לאליהו בהר הכרמל, שירד לו אש מן השמים, ששוב יחזור וירד קודם ביאת המשיח. אלא יהיה חילוק גדול, דאז יָרַד האש מן השמים לאליהו הנביא, ולעתיד קודם ביאת המשיח ירד לנביאי הבעל, און מען וועט דאַרפן קריכן אויף די גלייכע ווענט, כדי זיך צו האַלטן ביי די אמונה. והוסיף הרוזינער: שהעצה לזה הוא (ויחי מט, א) **הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם**, פירש התכנסו ותעשו אגודה אחת, **אֵת אֲשֶׁר "יִקְרָא" אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים**, ווען עס וועט אייך 'קאַלט' ווערן פון אַלע צרות בעת חבלי משיח [על דרך אֲשֶׁר 'קָרְךָ' בַּדֶּרֶךְ (תצא כה, יח)], שעמלק יתאמץ בכל כוחותיו להתעות את בני ישראל מן האמונה. כשיהיה קר לכם מכל הצרות בעת חבלי משיח, אין עצה אלא להתאסף יחד. וזהו הדבר היחידי שאני מבקש מכם, שתאמרו [זאת] לאחרים, **אולי יהיה בזה חיזוק באמונה ויועיל לעמוד בנסיונות**. - [וע"ע שם בעמוד קצב, מה שאמר לו הרה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען, בעת שסיפר לו ענין זה. ומה שהוסיף הוא ז"ל על זה עדות נאמנה בשם הרה"ק בעל דברי שמואל מסלאנים, ואכמ"ל].

[סז] **וזל"ק של רבינו בעל הגאולה ועה"ת** (סימן פו): **וכבד הזהירו על זה רבותינו הצדיקים והקדושים מדורות שלפנינו שראו ברוח קדשם מה שיארע לנו מהנסיונות בעיקבתא דמשיחא. ושמעתי מפי תלמיד חכם מפורסם ואיש מהימן ששמע כמה פעמים מאביו ששמע מחותנו אשר היה רגיל אצל הרב הקדוש מרוזשין זי"ע יותר מעשרים שנה, ושמע מפה קדשו דיבורים אלו: תדעו דכמו שֶׁיָּרַד האש מן השמים לאליהו בהר הכרמל, ולא ירד לנביאי הבעל. בעיקבתא דמשיחא יהיה ההיפך, שֶׁיֵּרֵד אש מן השמים לנביאי הבעל, ויהיו הנסיונות גדולים ועצומים, קשים ומרים, ואני עומד ומזהיר לכם על זה, למען תדעו להיות זהירים בדבר.**

וכעין זה מקובל מהרה"ק מראפשיץ זי"ע, ועוד צדיקים וקדושים, שהגידו מראש גודל הנסיונות שיעמדו לנגדינו, והזהירו על זה.

וראיתי להעתיק פה מה שכתוב **בשיחות הר"ן** (סימן לה) הבאתיו כבר בספרי **ויואל משה** (ב, קנ), אלא שהזמן גרמא ולגודל הנחיצות והתגברות הנוראה שאירע בימינו, ראיתי לנכון וצורך השעה לִשְׁנוֹת פרק זה ולחזור על דבריו הקדושים. וזה לשונו: הולך ונמשך אפיקורסות גדול בעוה"ר בעולם, אשרי מי שיחזק עצמו באמונה בעתים הללו. ואמר הוא ז"ל, שיודע שלא יועיל כל זה מה שהוא מספר ומגיד מראש איך שיהיה, ואף

KolSatmar.com

### רמט

כדבריו הקדושים רואין עתה בחוש, שהרשעים הכופרים מצליחין, והמאמינים בה' יש להם נסיונות גדולים

**און דאָס איז אמת.** [שכן הוא המציאות בדורינו].
**די נסיונות, דאָס זעט מען אַזוי, ס'איז 'דער' בחינה**[סח]**.**

### רנ

אלא שלכאורה קשה, דסוף סוף אין רואין ענין של "אש" מן השמים היורד להרשעים

**אָבער** [לכאורה] **ס'איז דאָך נישט פונקט דאָס "פייער"** [כפשוטו, כמו בימי אליהו. שהרי] **ס'איז היינט אַ הסתרת פנים, און 'זיי' קאָנען אויך נישט אַראָפּברענגען קיין "אש" מן השמים, 'די זאַך' וואָס אליהו האָט געברענגט.**

**אמת הדבר** [אז] **מ'גיט פאַר די 'נביאי הבעל' אַלעס, היינט. מ'גיט זיי טאַקע, ס'פירט זיך אַזוי, מ'ווייזט זיי נסים אַזוי ווי דאָס, אָבער טאַקע דעס אַליין** [שיֵרד להם "אֵש" מן השמים], **דאָס זעט מען לכאורה נישט.**

**אַוודאי** [עצם הצלחתם] **זעט מען, ס'איז בחוש אַז ס'איז אַזוי, ס'גייט ס'פירט זיך אַזוי צי פאַר די נביאי הבעל, ס'פירט זיך צי, דאָס איז אַמאָל** [=זיכער], **דאָס זעט מען אַמאָל** [=בכל אופן] **בחוש.**

**נאָר פונקט "אֵש"** [דאָס זעט מען לכאורה נישט].

### רנא

אבל לפי האמור ניחא, כי הכוונה על ענינים נסתרים שהם מבחינות האש ותולדותיה, ומשורש אותה בחינת האש שירד בימי אליהו, אשר בזה מלובש הצלחתם של הרשעים בדור האחרון, כדי לנסות את ישראל

[נאָר לדרכינו] **קאָן זיין אויך עפּעס אויף די בחינה,** [שהוא] **אַזוי ווי דער** [אין לך אדם **שלא יעבור עליו מאותו האש,** [והכוונה] **ס'איז "תולדות" האש, די אַלע זאַכן** [של הנסיונות והצלחת הרשעים בדורינו] **זענען די "תולדות" פון די אַלע ענינים פון די פריערדיגע נסים, ס'איז דער אמת,** [נאָר] **ס'איז 'תולדות'.**

---

על פי כן יהיה מתגברת האפיקורסות ובלבול המוחות, כי הלא גם דניאל וכיוצא בו הודיעו בנבואה שקודם שיבוא משיח יִתְבָּרְרוּ וְיִתְלַבְּנוּ וְיִצָּרְפוּ רַבִּים וְהִרְשִׁיעוּ רְשָׁעִים וְהַמַּשְׂכִּלִים יָבִינוּ (דניאל יב, י), ואם כן מאחר שהודיע מקודם שזה יהיה הנסיון קודם ביאת המשיח וכו', היה ראוי שכל אחד ישכיל ויחוס על עצמו לישאר קיים חזק באמונתו, ולא יהיה עוד שום נסיון וצירוף כלל, מאחר שכבר הודיע זאת מקודם, ובאמת אף על פי כן יהיה נסיון גדול ורבים ירשיעו. ואני מודיע זאת בשביל אותן המעט הכשרים שיחזקו עצמן באמונתם, ובודאי יהיה להם מלחמות גדולות בדעתם, אבל יהיה להם למשיב נפש והתחזקות והתאמצות יותר, כשיראו שכבר דיברו מזה מקודם. וכתב עוד שם (סימן רכ) שיהיה אפיקורסות גדול בעולם, כי מלמעלה יבוא אפיקורסות בעולם בשביל נסיון, והיה מתאנח מאד על זה ואמר אוי איך יוכלו לעמוד אנשים מועטים נגד כל העולם, עכת"ד ז"ל.

ומובן מאליו שאין זה מהקב"ה, כי מאתו ית' לא תצא הרעות, אלא על ידי הס"מ, שנותנין לו כח זה מן השמים. וכל זה ראו הצדיקים הקדושים ברוח קדשם. ובעוונינו הרבים נתקיים בנו בדורנו השפל כל דבריהם במילואם, ולא נעדר מהם כלום, ואין זה דבר חדש ומעשה מפליאה, וככר הוגד לנו מראש שכל זה יארע לנו, וצריך לכל איש יהודי המאמין והבוחר בתורה ובמשה עבדו ובנביאי האמת וצדק, שיתחזק ויתאמץ בדבריהם הקדושים, ולא יתפעל ולא יתרגש מנסי הרשעים והצלחתם.

[סח] ועיין עוד ענין קרוב לזה בדברי רבינו בס"ג וארא תשי"ז (לשון קדשו אות קי), וזל"ק: מיט דעם פאַרשטייט מען די דיבורים וואָס דער הייליגער ריזשינער שרייבט (בהסכמה לספר באר הגולה למהר"ל מפראג) **"אין דעם לעצטן דור פאַר ביאת המשיח, דער איד וואָס וועט ניצול ווערן פון מינות, וועט זיין אַ נס אַזוי ווי יציאת מצרים". אַזוי** זאָגט ער **בלשונו הקדוש,** [ווייל] ס'וועט זיין אַזוי פאַרשפּרייט דאָס מינות אויף דער וועלט.

מ'האָט זיך נישט געקענט אויסמאָלן פריער וואָס מ'זעט [בדורינו, אָבער] היינט זעט מען עס בחוש, [ווי כדי] אַז מ'זאָל ניצול ווערן פון מחשבת מינות, - [לויט ווי] מ'זעט מ'איז כרוך [אחריהם, איז] אַז מ'ווערט ניצול פון דעם, - דאָס איז טאַקע ממש אַ נס ווי יציאת מצרים.

KolSatmar.com

**און די אַלע תולדות, דאָס ווערט אָנגערופן** [בשם האב עצמו], **און** [החילוק הוא רק כי כהיום נמצא] **ס'קומט פאַר די נביאי הבעל** [ולא לנביאי וצדיקי האמת], **בעונותינו הרבים.**

**רנב**

.. [די זעלבע] **די וואָס שרייען אַלץ "יציאת מצרים" "יציאת מצרים"**[סט], [וכאילו שנעשו נסים כיציאת מצרים. אפשר להמליץ לשיטתם כי] **ס'איז אַ יציאת מצרים** [=נסים] **פאַר די "נביאי הבעל"**[ע]. [אבל לא להכלל ישראל ולהרמת קרן התורה והקדושה].

[אמנם האמת הוא] **ס'איז דאָך 'נישט' "דעס"**, [שאין לזה שום ענין עם נסי יציאת מצרים, ודברי המפטפטים הם דברי הבל ושקר, ודברי כפירה וניאוץ], **קאָן מען דאָך פאַרשטיין**[עא]. **דַּעַת לְנָבוֹן נָקָל** (משלי יד, ו).

---

[סט] באותו הזמן היו ההמונים כשיכורים מהצלחת הצבא של הציונים, והמסיתים ומדיחים אחריהם השתמשו הרבה בלשונות של תורה וקדושה ולדמות הצלחתם רח"ל לניסים של "יציאת מצרים". ורבינו אמר אז ביום ב' דשבועות תשכ"ז, כי כל אלו הדורשים שנעשו עבור הרשעים נסים כיציאת מצרים ראוי לקללם באלף שופרות, דעל ידי נסי יציאת מצרים יצאו ישראל גוי מקרב גוי מעומק המ"ט שערי טומאה, והוא פינת יקרת להאמונה הקדושה, ועי"י טומאת הציונות אדרבה להיפך נכנסין ח"ו לתוך עומק שער הנו"ן שבטומאה רח"ל.

[ע] דאף שאין נעשים עתה "נסים" ממש להרשעים, וכדלהלן. אבל "הצלחה" להרשעים יש עתה, והצלחה זו היה אפשר לומר שנשתלשל מבחינת "הצלחת" הצדיקים בדורות הקודמים, אלא שנתהפך הגלגל שתרד ההשפעה להרשעים, עבור נסיונות הדור, וכעין מה שביאר רבינו בדברי הרה"ק מרוזשין, שיתכן לפרש הכוונה כי הצלחתם נשתלשל מן השמים לצורך נסיון הדור, מעין השתלשלות האש מן השמים שירד בימי אליהו לנביאי האמת. [ואף שאלו המפטפטים הם מכת השקר והליצנים, ואין ממש בדבריהם אבל יכולין לראות מדבריהם דיבורי השטן בזה, אשר יתכן שיש לזה איזה מקור והשתלשלות מלעילא בבחינת דקה, אלא שנתעקם ההשפעה ונתהפך מצד הקדושה לצד הסטרא אחרא, כידוע מספה"ק לענין השפעה שבזמן הגלות, ואכמ"ל]. כן נראה ההמשך 'בדרך אפשר', כי רבינו מקצר כאן מאוד בכל ענין זה, והענין כשלעצמו הוא ענין דק ומדברים הנעלמים ונסתרים, וקשה לכתוב יותר ממה שאמר רבינו, אלא דבכדי שלא יהיו כדברים חתומים, נסינו קצת לפתוח פתח להבנת דברי רבינו הקצרים, ואם שגינו ה' הטוב יכפר.

[עא] וזל"ק של רבינו **בעל הגאולה ועה"ת** (סימן ז-ח): והס"מ מתגבר בכל כוחותיו ומתלבש באלה הדתיים הנגררים אחרי הציונים, עד שמכריזים שהאמונה בנסי הצלחתם המדומים הוא מן החיוב ומשרשי האמונה, כאילו כל מי שאינו מאמין בניסיהם הרי הוא 'כופר' בעיניהם, ומכריזים בפומבי ובפרהסיא דברי מינות וכפירה שהנסים האלה הם גדולים מנסי יציאת מצרים, עפרא לפומייהו.

ובכלל הרעיון הזה לדמותו ליציאת מצרים הוא כפירה ממש בעיקרי האמונה רחמנא ליצלן, שהרי יציאת מצרים הוא מעיקרי האמונה. כמו שכתב **הטור** (או"ח) בסימן תרכ"ה, תלה הכתוב מצות סוכה ביציאת מצרים וכן הרבה מצוות, לפי שהוא דבר שראינו בעינינו ובאזנינו שמענו, ואין אדם יכול להכחישנו, והוא המורה על אמיתת מציאות הבורא יתעלה, שהוא ברא הכל לרצונו, והוא אשר לו הכח והממשלה והיכולת בעליונים ובתחתונים לעשות בהם כרצונו, ואין מי שיאמר לו מה תעשה, כאשר עשה עמנו בהוציאו אותנו מארץ מצרים באותות ומופתים, עד כאן לשונו.

ומצינו בדברי **הרמב"ן** פרשת עקב הנ"ל, שעל מלחמת ל"א מלכים שהפליג הכתוב מאוד בעוצם גדלם וגבורתם כמו שכתוב אֲשֶׁר אַתָּה יָדַעְתָּ וְאַתָּה שָׁמַעְתָּ מִי יִתְיַצֵּב לִפְנֵי בְּנֵי עֲנָק ועוד בכמה פסוקים כאלו, ואף על פי כן הוצרך הכתוב להביא ראיה מיציאת מצרים, לפי שלא היה מעולם נסים מפורסמים בשידוד המערכה ושינוי הטבע כמו יציאת מצרים, כמו שאמר הכתוב (ואתחנן ד, לד) אוֹ הֲנִסָּה אֱלֹקִים לָבוֹא לָקַחַת לוֹ גוֹי מִקֶּרֶב גּוֹי, ולא יהיה לעולם עד ביאת משיח צדקינו, כמו שאמר הכתוב (מיכה ז, טו) כִּימֵי צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אַרְאֶנּוּ נִפְלָאוֹת, והיא נבואה לימות המשיח.

וחייבה התורה הקדושה להזכיר יציאת מצרים ב' פעמים בכל יום, כדי להשריש האמונה בלבותינו, ולא צוה הכתוב להזכיר שום נס של מלחמה אחרת, ואפילו מלחמת בני ענק ומלחמת עמלק ומלחמת מדין.

ומעתה אלו המדמין נסיהם הכוזבות לנסי יציאת מצרים, או מגדילים אותם על נסי יציאת מצרים עפ"ל, הרי מזלזלים ומקטינים בנס יציאת מצרים, וחסר להם אחד מעיקרי האמונה, ואין לך חירוף וגידוף גרוע מזה. ולהלן (סימן לד) יתבאר, שבחינה זו נכלל במה שאמרו ז"ל (שבת קיח:) כל האומר הלל בכל יום הרי זה מחרף ומגדף.

KolSatmar.com

רפא

## ברכת הקודש

דער בורא כל עולמים זאָל אונז נאָך העלפן: **שַׂמְּחֵנוּ כִּימוֹת עִנִּיתָנוּ** (תהלים צ, טו).

אַזוי ווי מ'האָב מיר 'מיטגעפלאָגט' זיך, אַזוי ווי מ'האָב מיר זיך 'מיטגעפלאָגט' מיט די אַלע "נִסְיוֹנוֹת", מיט אַזאַ "שווער דור", מיט'ן "שווערסטן מצב".

[אַזוי] זאָל מיר נאָך זוֹכֶה זיין צו זען בישועת כל ישראל ושמחתן, בשמחת צִיּוֹן וִירוּשָׁלַיִם, "מִתּוֹךְ נַחַת".

מ'זאָל אֱמֶת'דיג תְּשׁוּבָה טון פאַר'ן בורא כל עולמים. (אמן)

בעוונינו הרבים, אונז זעמיר מלא עונות ופשעים. דעס איז גורם נעבעך [כל אלו הנסיונות והסמיות עינים. כי] ווען נישט, העט מען גיוועןן געהאַט אַן אַנדערן כח, העט מען געהאַט סייעתא דשמיא מ'זאָל מונע זיין אַזעלכע ענינים פונעם כלל ישראל.

וואָס זאָל מען אָבער טון, עֲוֹנוֹתֵינוּ הִטּוּ אֶת אֵלֶּה, ס'איז "חָשְׁכוּ עֵינֵינוּ" (כלשון הפסוק דלעיל באות קמז-קנה), מ'גייט אַרום מיט "סַמְיוּת עֵינַיִם".

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן:

מ'זאָל מיר זוכה זיין צו טון תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.

דָּבוּק זיין אין הקדוש ברוך הוא, אין דער אֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, און אין די תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה.

מ'זאָל במהרה זוכה זיין צו זען בֶּאֱמֶת, און מִתּוֹךְ נַחַת וְשִׂמְחָה, [ווי] מ'זאָל מיר ניצול ווערן מִכָּל צָרָה וְצוּקָה.

דער בורא כל עולמים זאָל רַחֲמָנוּת האָבן אויף אידישע נְפָשׁוֹת, [און] אויף אידישע גוּפִים, מ'זאָל נישט הערן קיין פֶּרֶץ וּצְוָחָה[עב].

וואָס מ'וויל טון, זאָל מען טון מן השמים, נישט דורך די אומות[עג]. נִפְּלָה נָּא בְּיַד ה' כִּי רַבִּים רַחֲמָיו, וּבְיַד אָדָם אַל אֶפֹּלָה (שמואל ב' כד, יד).

דער אייבירשטער זאָל העלפן:

מ'זאָל אָפּגעהיטן ווערן היצט פון כל צרה וצוקה.

ס'זאָל נישט שאַדטן דעס "עַזּוּת וַחֲצִיפוּת" [במה שמתחזקים אלו הרשעים] חלילה ווייטער אויף "מלחמות", און אויף "צרות" [וגזירות נגד הדת].

מ'זאָל מיר ניצול ווערן פון "מלחמות" און פון "צרות" און פון "אַלעם שלעכטן".

מ'זאָל מיר זוכה זיין צו זען, צו דערלעבן צו זען די גאולה, בְּנַחַת וּבְשִׂמְחָה, בִּקְדוּשָׁה וְטַהֲרָה.

בהתרוממות קרן התורה וישראל, ובהתגלות כבוד שמים עלינו, במהרה בימינו אמן.

---

[עב] מלשון הפסוק (תהלים קמד, יד): אֵין פֶּרֶץ וְאֵין יוֹצֵאת וְאֵין צְוָחָה בִּרְחֹבֹתֵינוּ.

[עג] עיין בזה בס"ג בהעלותך תשכ"ז (אות קלח) וס"ג שלח תשכ"ז (אות קנה), ועוד.

KolSatmar.com